The Hebrew Journal

דער אידישער

זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No. 862 Toronto Thursday December 23th 1915 דאנערשטאג 23־טער דעצעמב. 1915 טז טבת פרשה שמות תרעו PRICE: 1 CENT

A S Freidus
The New York
Public Library
476 Fifth Ave.
NEW YORK CITY

פראנצויזען לאזען ניט רוהען אין מערב זייט

זייט.

פאריז דעצעמבער 22

היינט האט דער קריעגס אפיס מודיע געווען דאס 12 הונדערט דייטשען זיינען געפאנגען געווארען אין די אפעראציעס ביי הארטמאנן־ווייללערקאפף, דורך וועלכען די פראנצויזישע פאזיציאנען האבען זיך בעדייטענד אויסגעברייטעט.

דער סטייטמענט לויטעט:

וועניגע וויכטיגע געשעהענישען האבען פאסירט נעכטען אין אבענד. אין די וואסזש האט די אטאקע וועלכע מיר האבען געמאכט אויסגעברייטעט אונזערע פאזיציאנען אויף דער מזרח שטייגונג פון הארטמאנס ווייללערקאפף.

די צאהל פון די דייטשע געפאנגענע איז איצט 12 הונדערט. 21 פון זיי זיינען אפיצירען, זיי געהערען צו זעקס פערשיעדענע רעגימענטען.

וואס די דייטשען זאגען

בערלין דעצעמבער 22

א טהייל פון דער דייטשער פאזיציאן אויף דעם שפיץ בארג הארטמאנס ווייללערקאפף, אין דעם וואסזש, וועלכע איז פון די פראנצויזען נעכטען פערכאפט געווארען, האבען די דייטשע טרופען צוריק גענומען.

פאלגענדעס איז דער טעקסט פון היינטיגען אפיציעלען בעריכט:

„נאכמיטאג צייט האבען די פראנצויזען אטאקירט אונזערע פאזיציאנען ביי הארטמאנס ווייללערקאפף, און אין הירץ וואלד, אין צפון זייט פון וואטטווייללער, מיט שטארקע כחות.

עס איז זיי, די פראנצויזען, געלונגען צו פערכאפען דעם שפיץ פון הארטמאנס ווייללערקאפף און א קליינע טהייל פון א טרענטש ביי הילזענפירשט. דיעזער שפיץ בארג איז, לויט אפיציעלע פראנצויזישע בעריכטען געווען אין די פראנצויזישע הענד זייט דער ענדע פון אפריל.

היינט פארמיטאג האבען מיר א טהייל פון דער פערלוירענער פאזיציאן צוריק געוואונען.

„אן אטאקע וואס איז אויף אונז געמאכט גע[illegible]רען נעבען מעטצעראל האט צוזאמען געבראכען נאהענט פון אונזערע פאזיציאנען.

אויף די איבריגע טהיילען פון מערב פראנט וואו שנעע איז אויסגעפאלען און דאס וועטער בכלל איז זעהר ניט גוט געהט אן זעהר וועניג טהעטיגקייט.

עס איז ניטא וואס צו בעריכטען פון מזרח שלאכטפעלד און אויך ניט פון די באלקאנען.

קיין נייעס איז ניט געשעהען דארט.

דייטשען פארבערייטען זיך פאר אן אטאקע ביי עלזאס

קע ביי אלזאס

רוים דעצעמבער 22

דייטשלאנד פארבערייטעט זיך פאר א נייער אין שרעקליכער אפענסיווע אין אבער עלזאס וועלכע וועט אנגעפיהרט ווערען פון פעלד מארשאל מיקענזען, דער העלד פון די פוילישע שלאכטען און דער בעזיעגער פון סערביען, לויט די בעריכטען וואס קומען היינט אן פון צוריך, שווייץ.

זייט 15 טעג אז די דייטשען האלטען אין איין קאנצענטרירען טרופען אויף א לאנגער ליניע וועלכע זיי האבען אויסגעטיבען פון וואנען צו אטאקירען. דריי הונדערט טויזענד טרופען איז א [illegible] האט מען דארט אויסגעשטעלט אויף יעדער ליניע. 22 דערפער האט מען דארט אויסגעליידיגט כדי מען זאל זיך קענען „צעפיהרען די הענד,” און דאס גאנצע עסענווארג האט מען רעקוויזיציאנירט, צוגענומען הייסט עס.

דער פערצעהנטער ארמיי קארפס איז איצט אויף'ן וועג קיין בעלפארט, לויט די צוריכער בעריכטען, און נאך איהם פאלגט א צווייטער.

הינדענבורג כאפט א מפלה פון די רוסען

לאנדאן דעצעמבער 22

דער קארעספאנדענט פון „דיילי עקספרעס” טעלעגראפירט פון זשענעווא:

„די דייטשע אפענסיווע אויף דעם ריגא־דווינסק פראנט איז געווען א פאלשטענדיגער דורכפאל. פעלד־מארשאל פאן הינדענבורג איז געצוואונגען געווען זיך צוריק צו ציהען פאר די רוסישע געגען־אטאקען נאכדעם ווי ער האט בעגראבען זיינע קאנאנען און [illegible]לאזענדיג א גוואלדיג גרויסע צאהל קריעגס מאטעריאל.

די דייטשען, ניט זייענדיג בכח אריבער צו געהן די דווינא, האבען געליטען זעהר פיעל.

„פינף דייטשע דיוויזיעס ציהען זיך צוריק קיין טוקום, נאך וועלכע די רוסען יאגען זיך. א בלוטיגע שלאכט געהט אן נעבען אוקסקולל.”

גענעראל שטארבט אויף

בערלין דעצעמבער 22

גענעראל פאן עממיך, דער בעזיעגער פון ליעזש, בעלגיען, איז היינט אין דער פריה געשטארבען אין האנאווער.

גענעראל אטא פאן עממיך איז שוין געווען א מאן פון 66 יאהר. ער איז שוין געווען א לייטענאנט אין דער פראנצויזיש פרייסישער מלחמה און צו ביסלעך צו ביסלעך האט ער זיך ארויף געארבייט, אויף — א מת.

ער האט עס געבעטען די צווילע בעלגיער

ער האט עס געבעטען די ציווילע בעלגיער זיי זאלען זיך האלטען רוהיג. נאר אזוי ווי זיי האבען זיך רוהיג ניט געהאלטען האט ער דאך געמוזט טהאן זיין סאלדאטסקען חוב.

אין אויגוסט 15, 1914 ווען ליעזש איז געפאלען טרעט ער אב זיין פלאץ צו גענעראל מארוויץ, און פון דענסמאל אן הערט מען איינינע מאהל דאס ער איז קראנק.

און איצט האט ער גענומען און איז גאר אוועק געשטארבען.

מלחמה טעקס פאר'ן מאנאט נאוועמבער

אטאווא דעצעמבער 22

די איינגאהמע פונ'ם מלחמה טעקס פאר'ן מאנאט נאוועמבער איז געווען 235,295 דאלאר.

דאס איז פערעפענטליכט געווארען פון דעם אינלענדישען איינקונפט דעפארטמענט.

די סומע איז הויפטזעכליך געזאמעלט געווארען פון סטעמפס וועלכע זיינען אנגעקלעפט געווארען אויף פלעשלאך שנאפס און מעדיצין.

דאס איז אבער בלויז פון איין טהייל, די גענעראלע איינקונפט פון דעם מאנאט נאוועמבער פאר'ן מלחמה טעקס פון דעם טאראנטאר דיוויזשאן איז געווען 16,252 דאלאר.

עלליס באמבארדירען דייטשע לאגערען

אמסטערדאם דעצעמבער 22

אין מערב פלאנדערן געהט אן א שווערע קאנאנאדע.

דאס דונערען פון די גרויסע הארמאטען קאן מען הערען אויף דער האלענדישער גרעניץ.

לויט בעריכטען, טהוט די ארטילעריע פון די עלליס, געשטיצט פון קריעגס שיפען ניט ווייט פון ברעג, א גרויסען שאדען אין די ווינטער לאגערן פון די דייטשע טרופען וועלכע געפינען זיך ביים ברעג פון ים הצפוני.

זונטאג איז אן ענגלישער ערפאליין אראבגעשאסען געווארען פון דייטשע הארמאטען אין ברוזש.

דער קייזער איז קראנק

בערלין דעצעמבער 22

קייזער ווילהעלם האט אבגעלייגט זיין רייזע וועלכע ער האט געפלאנעוועט צו מאכען צום מערב שלאכט פעלד, ווייל א שטיקעל אנצינדונג וואס ער האט דורך א פערקיהלונג בעקומען מאכט נויטיג פאר איהם צו זיצען אין הויז פאר איניגע טעג.

עסטרייכישע סובמארין געפאנגען

פאריז דעצעמבער 22

לויט א דעפעשע פון מאלטא צום „מעססאדזשערא”, איז אן עסטרייכער סובמארין געפאנגען געווארען פון צוויי טארפעדא שיפען.

דאס זיינען אהן צווייפעל געווען איטאליענישע.

קריגען א גרויסען קאנטראקט

פהילאדעלפיא, דעצעמבער 22

די מידוויל סטיל און ארדנענס קא. האט געשלאסען א קאנטראקט מיט פראנקרייך פאר שטאל אויף א סומע פון 50 מיליאן דאלאר, לויט ידיעות פון זיכערע פינאנציעלע קוועלען.

רוסען געהן אויף קאנסטאנטינאפאל

300 פרויען פערלירען זייער לעבען

לאנדאן דעצעמבער 22

וועהרענד ביז שפעט נעכטען איז נאך קיין בעשטעטיגונג ניט געקומען וועגען דעם בעריכט דאס די רוסען האבען פערנומען די בולגארישע האפען שטאדט ווארנא, דאך פיהלט מען דא א שטארקע האפנונג אז דאס איז אמת, אז די רוסען האבען טאקי גענומען יענע האפען שטאט.

דער אורטהייל פון די לאנדאנער רעדאקטערע איז דאס אויב דער רעפארט איז ריכטיג דאן איז דאס געווען איינער פון די וויכטיגסטע שריטע וואס לאנד האט ווען עס איז געמאכט אין צייט פון מלחמה.

די זעלבע קריטיקער גלויבען אז דער רוסישער אנפאל אויף ווארנא איז א סארט הקדמה צו א נייער אנשטרענגונג צו געהן אויף קאנסטאנטינאפאל, וועלכע איז סך הכל ווייט פון די רוסען מיט 150 מייל.

אין דייטשלאנד געהט מען אויס פון הונגער

ניו יארק, דעצעמבער 23

מיסס העלען קעלער, די בעריהמטע בלינדע סאציאליסטקע, וועלכע איז בעקאנט אלס פעהיגע שרייבערין און רעדנערין, ווי אויך אנדערע בלינדע ערהאלטען פון די מלחמה לענדער צייטונגען וועלכע געהען ניט דורך די צענזור, אזוי אז זיי וויסען סודות דורך די צייטונגען וואס קומען אן צו זיי פון לאנדאן, פאריז, בערלין און ווין, ווייל די צענזארס קענען דיעזע צייטונגען ניט לעזען.

דורך דיעזע זשורנאלען אלזא איז מען דא געוואר געווארען אז אין דייטשלאנד פעהלט אוים — עסען.

יעדער מאן פרוי און קינד אין דייטשלאנד קריגען צוגעטהיילט זייער עסען לויט וואג און מאס און זעהר וועניג דערצו. וויפיעל יעדער מוז קריגען ווערט בעשטימט צוערשט דורך א קאנפערענץ פון כעמיקער, וויסענשאפטס מענער און דאקטוירים אין בערלין. די צייטונג וואס ברענגט דיעזע נייעס איז „די נייע צייט”, א סאציאליסטישער זשורנאל פאר בלינדע וועלכער ערשיינט אין בערלין.

„דיעזע ניט צענזורירטע נייעס וועגען דער לאגע אין די מלחמה לענדער דערצעהלען מיר וועגען דעם אמת'ן סענטימענט וועלכער הערשט צווישען דעם ארבייטענדען עולם און וועגען דער אונערטרעגליכער לאגע אין וועלכע זיי געפינען זיך,” האט געזאגט מיסס העלען קעלער.

„זייערע הערצער האלטען אין צוברעכען ווערען, מעהר אריבערטראגען קענען זיי שוין ניט.”

א שפאלטונג אין דער דייטשער סאציאליסטישער פארטיי

לאנדאן דעצעמבער 22

די „דיילי טעלעגראף” דרוקט די פאלגענדע טעלעגר[illegible], וועלכע איז ערהאלטען געווארען [illegible]ראם.

לויט [illegible] פון בערלינער זיכערע קוועלען, האט הערר האזע, דער טשעהרמאן פון דער סאציאל דעמאקראטישע פארטיי, רעזיגנירט פון זיין אמט גלייך נאך דער פערזאמלונג פון דעם רייכסטאג וואו עס איז דורכגעגאנגען דער נייער מלחמה קרעדיט פאר 10 ביליאן מארק.

די סאציאליסטישע מאיאריטעט האט געשטימט דאפיר.

האזע און די איבריגע עקסטרעמע סאציאליסטען זיינען געגען דער סאציאליסטישער מאיאריטעט אין רייכסטאג.

די פערהאנדלונגען אויף דער נעכטיגער פערזאמלונג פון רייכסטאג זיינען געווען גאנץ שטורמדיגע, דער צענזור האט פערבאטען צו פערעפענטליכען די צאהל שטימען וועלכע זיינען אבגעגעבען געווארען פאר יעדער פראגע.

דער ספיקער פון דער סאציאליסטישער מאיאריטעט אין רייכסטאג הערר איבערט האט געסטראשעט די דייטשע רעגירונג דאס אויב די רעגירונג וועט ניט זעהען צו פערבעסערען די עקאנאמישע אומשטענדען אין לאנד, וועלען אלע סאציאליסטען דעפוטאטען פון רייכסטאג שטימען געגען ווייטערע מלחמה אויסגאבען צו פארזעצען די מלחמה.

בערלין דעצעמבער 21

(דורך'ן דראטלאזען טעלעגראף דורך סעוויל).

די שפאלטונג אין דער סאציאליסטישער פארטיי וועלכע איז פאראויס געזעהען געווארען, האט פאסירט היינט, ווען די גרעסטע מאיאריטעט פון די סאציאליסטישע דעפוטאטען פון רייכסטאג האבען געשטימט פאר דעם מלחמה קרעדיט פון 10 ביליאן דאלאר.

בלויז פופצעהן דעפוטאטען האבען געשטימט געגען דעם.

פאר דער מאיאריטעט האט הערר איבערט ערקלערט אין רייכסטאג אז דער מלחמה קרעדיט איז זעהר נויטיג ווייל דער שונא איז נאך ניט געבראכט געווארען צו דער שטופע ער זאל וועלען שליסען פרידען.

דער דייטשער סעקרעטאר פאר אויסלענדישע אנגעלעגנהייטען, האט ערקלעהרט אז די ענגלענדער האבען פערשפרייט פאלשע בעריכטען וועגען דייטשע אטאקעס אין סאוט אפריקא

די ענגלענדער האבען בעריכטעט, האט דער סעקרעטער ווייטער ערקלעהרט, אז די דייטשען האבען אטאקירט די שטאדט נאקאבסאוט, ווייזענדיג אז די שטאדט איז אויף ענגלישער טעריטאריע אין דער צייט וואס דאס איז גאר אויף דייטשער טעריטאריע.

דער סעקרעטער האט געוויזען די מאפס ווי זיי זיינען געפעלשט געווארען פון די ענגלענדער.

שפאלטונג צווישען דייטשע סאציאליסטען

אמסטערדאם, דעצעמבער, 22

א בערלינער טעלעגראמע ציטירט דעם בערלינער „פארווערטס”, דאס די פארטיי האט פערדאמט די האנדלונג פון דער סאציאליסטישער מינאריטעט אין רייכסטאג וועלכע האבען געשטימט געגען מלחמה קרעדיט. דאס ווערט כאראקטעריזירט ווי א זינד געגען פארטיי דיסציפלין. אזוי איז ערקלעהרט געווארען מיט 63 שטימען געגען 15.

די מלחמה אין דער לאנדאנער איסט סייד

לאנדאן דעצעמבער 22

א געוויסער סאשיאל רעפארמער וועלכער איז פאר א גאנץ לאנגער צייט געווען טהעטיג צווישען די ארימערע קלאסען פון דער לאנדאנער איסט ענד, האט זיך אויסגעדריקט. אז קיינער אין לאנדאן האט אזוי פיעל ניט פראפיטירט פון דער יעצטיגער מלחמה ווי די בעפעלקערונג פון דער איסט ענד.

דער סאשיאל רעפארמער דערצעהלט אז כמעט אלע פרויען זיינען בעשעפטיגט ביי דער אדער צווייטער ארבייט, ער ערקלעהרט אויך דאס ער האט זיך איבערצייגט, אז די ארימע לייט לעבען גאר ניט דעם שנאררישען לעבען. נאר ווען זיי האבען וואס צו טהאן און פערדיענען ארבייטען זיי גאנץ שווער.

דאס שכרות אין דעם ארימען דיסטריקט האט זיך אויך פערקלענערט אויף א גאנץ גרויסען פראצענט.

אין אלגעמיין קוקט די לאנדאנער איסט סייד אוים פיעל בעסער אין דער יעצטיגער מלחמה צייט ווי ווען עס איז אנדערש.

300 דייטשע פרויען פערלירען זייערע לעבענס

לאנדאן דעצעמבער 22

ידיעות וואס זיינען אנגעקומען פון אמסטערדאם לויטען דאס 300 פון די 600 פרויען וואס זיינען בעשעפטיגט אין דער מינסטער פולווער פאבריק אין וועסטפאליען זיינען געטויטעט געווארען.

א טהייל פון דער שטאדט איז פערניכטעט געווארען און די גאנצע אמוניציאן וואס דארט האט זיך געפונען איז פערניכטעט געווארען.

מען גלויבט אז די עקספלאזיאן איז געווען א צופאל.

דאס לעבען פון ענגלישע פארלאמענט פערלענגערט

לאנדאן דעצעמבער 22

דאס הויז אף קאממאנס האט היינט געפאסט א ביל וועלכער פערלענגערט דאס לעבען פון איצטיגען פארלאמענט.

און עס איז זעהר וויכטיג אז דער פארלאמענט זאל לעבען לאנג, ווייל ווי אלע סמנים ווייזען האלט עס שמאל מיט דעם קאאליציאנס מיניסטעריום און ווער ווייס וואס פון דעם איצטיגען מיניסטעריום וועט דער סוף זיין, דארום פרעהט אלע ענגלאנדערס פריינד דאס אזא ביל איז אנגענומען געווארען.

אן אינטערעסאנטער פאליטישער מיטינג

מיטוואך אבענד האט שטאטגעפונען א מיטינג פון דער אידישער קאנסערוואטיוו אסאסיישאן אין ציון אינסטיטוט.

טש. גארפינקעל איז געווען פארזיצענדער אזוי ווי עס זיינען געווען פערשידענע געסט האט זיך דער מיטינג פערוואנדעלט אין א פובליק מיטינג. עס זיינען אנוועזענד געווען די קאנדידאטען פאר קאנטראלער און פאר באארד אף עדיוקיישאן.

צווישען די קאנדידאטען זיינען אויך געווען אלדערמאן קעמעראן וועלכער לויפט אין וואארד פיער פאר דער באארד אף קאנטראל און קאנטראלער פאסטער.

שעהנע רעדען זיינען געהאלטען געווארען. איבערהויפט איז אויסגעדריקט [illegible] דער געדאנק אז עס פעהלט אין טאראנטא א גוטע און קלוגע ביזנעס אדמיניסטראציאן פאר דער שטאדט. דער טשעהרמאן האט דאן געזאגט אז עס וואלט געווען ניט מעהר ווי רעכט דיעזע צוויי זאלען אונטערשטיצט ווערען.

מר מיילס וואוקס וועלכער לויפט ריעלעקטעט צו ווערען פאר וואארד 4 אין באארד אף עדיוקיישאן האט פיעל גערעדט וועגען בילדונג פאר די יונגע קריסטליכע ווי אויך אידישע שילער. ער האט גערעדט וועגען די טעכניקאל סקוהלס און זייער גוטען איינפלוס און אזוי ווייטער.

עס האט דאן גערעדט מר. ה. ווינבערג, דער ארויסגעבער פון אידישען זשורנאל, ער האט אין א שעהנער רעדע ערקלעהרט, די אורזאכע פאר וואס ער לויפט פאר'ן אמט פון מעיאר. ער האט אנגעוויזען ווי אין דער גאנצער אדמיניסטראציע פון טאראנטא האט מען געפיהרט, אז עס פיהלט דאס וואס מען רופט גוטע און רעעלע ביזנעס און ער האט פערשפראכען דאס אויב ער וועט עלעקטעט ווערען וועט ער ווייזען דער שטאדט וואס הייסט ביזנעס פעהיגקייטען.

ער וועט ווייזען דער שטאדט דאס עס איז יא מעגליך צו האבען אין טאראנטא א פעהיגע אדמיניסטראציאן.

מר. ווינבערג האט דאן ערקלעהרט, דאס היינטיגע פריה אום 10 א זייגער אין ס. טי האלל וועט ער דערצעהלען גאנץ גרטע זאכען בנוגע טאראנטאר אדמיניסטראציאן אין דער פערגאנגענהייט און צוקונפט.

ווען די קאנדידאטען האבען אבגערעדט און די אנוועזענדע האבען זיי שעהן אפלאדירט האט מען זיך ווידער גענומען צו רעגעלע ביזנעס.

עס וועט אינטערעסאנט זיין צו בעמערקען דאס מר. קופער וועט פיליכט לויפען אין וואארד 4 אלס אלדערמאן.

ער האט יעדענפאלס פערשפראכען דאס ער וועט זיך בעדענקען.

פיליכט.

פארין ליקענט לאנדאנער בעריכט

בערלין דעצעמבער 22

סאראה בערנהארד, פיהלט זיך זעהר געזונד. זי האט איצט בדעה צו פאהרען קיין ענגלאנד אויף א טור און זי האט אויך בדעה צו ערפילען איהר אמעריקאנער קאנטראקט.

דער לאנדאנער טעלעגראף בעריכטעט דאס זי האט ביים שטארבען.

קענעדע ווי אלע דאמיניאנס וועט זאגען א דעה וועגען שלום

לאנדאן דעצעמבער 22

נעכטען האט מען געפרעגט אין הויז אף קאמאנס פרעמיער אסקוויטה אויב, נעהמענדיג אין אנבעטראכט דעם אנטהייל וואס די דאמיניאנס נעהמען אין דיעזער מלחמה, ווי קענעדע אויסטראליען, ניו זעעלאנד, און סאוטה אפריקא, אויב מען וועט אויך, שליסענדיג שלום, פרעגען זייער מיינונג. אויף וועלכען פרעמיער אסקוויטה האט געענטפערט:

„דער קאלאניאל סעקרעטער האט שוין געגעבען אנצוהערען צו די דאמיניאנס דאס בנוגע די פריעדענס קאנדיציאנען וועט מען זייער ראטה פרעגען און דאס ענגלאנד וועט ווילקאמען הייסען וועלכען עס איז פריים מיניסטער וועלכער וועט נאר וועלען קומען אהער און פארשטענדיג אין פריי דיסקוטירען פראגען וואס זיינען נוגע אימפעריאליסטישע פאליטיק.”

* * *

דער שונא געפינט סערבישע קאנאנען

בערלין, דעצעמבער 22

אין היינטיגען אפיציעלען בעריכט ווערט בעריכטעט דאס די עסטרייך אונגארישע טרופען האבען ענטדעקט נאך 69 סערבישע קאנאנען וועלכע די סערבען האבען געהאט בעגראבען אנטלויפענדיג פאר זייערע פערפאלגער.

א שעהנער באנקעט

לכבוד דער ערוועהלונג פון נייע בעאמטע פאר דעם טאראנטאר גמילות חסדים פעראיין האט זונטאג שטאטגעפונען אין ציון האל א באנקעט. אלע טאראנטער מיטגליעדער זיינען אנוועזענד געווען.

דער טאסט מאסטער פאר'ן אבענד איז געווען מר ע. י. קענעג, דער טשערמאן פון דער סאסייטי, וועלכער האט ערקלעהרט דאס גוטע וואס די סאסייטי טהוט אויף מיט איהרע גמילות חסדים און איבערהויפט פאר נויט לוידענדע

עס האבען אויך גערעדט רבי לעווי, מר ראזען, דער פרעזידענט פון די בני ציון, מר נאטאנואהן דער פרינציפאל פון דער תלמוד תורה, דאקטאר העלער פון פילאדעלפיא, און רבי גארדאן, וועלכער איז אפילו געקומען שפעט, גערעדט האט ער אבער זעהר גוט און מר פ. ליווי,

אויף מר קענעגס אפיעל איז ארויין געפאלען פאר דער סאסייטי $22,25 אויף'ן ארט. פאר'ן פאלעסטינער אימיגרישענס פאנד איז ארויין געפאלען $8,75.

א דאנק קומט מ. פישער פון דער פירמא מ. פישער און קאמפאניע, פאר זיין לייסטען צום קאלעקשאן.

עס קומט א דאנק די יעניגע וואס האבען דאס ארגאנזשירט, און אויך אלע געסט און יעדען וואס האט געהאלפען אויף זיין שטייגער, ווייל עס איז געווען א שמחה מיט רוחניות, גוט פערבראכט און געטרונקען, גוטעס פאר א גוטען צוועק.

פאלגענדע זיינען די אפיסערים פאר 1916:

עבינאור קענעג, פרעזידענט.

ת. גארליצקי, וויס פרעזידענט

דזש. געלער טרעזשורער.

מר אייזענבערג און מר גרוואזדא פינאנציעל און רעקארדינג סעקרעטערס.

א גרויסער דאנק קומט די אלטע אפיסערס פאר זייער טייערער ארבייט פאר דער סאסייטי.

די סאסייטי האלט אב איהרע מיטינגען אין 101 עליזאבעט טריט.

עלליס בעפעסטיגען א נייעם פראנט ביי סאלאניקי

עלליים בעפעסטיגען א

נייעם פראנט ביי סאלאניקי.

סאלאניקי, דעצעמבער 23

ענגלישע און פראנצויזישע אפיצערען ווערט טראנספארטירט פארווערטס פון סאלאניקי צום נייעם פראנט פון די עליים אין דרום זייט פון גריכישען גרעניץ און פאזיציאנען ארום קילינדיר ווערען שטארק בעפעסטיגט.

יעדער סטראטעגישער פונקט אין גריכיש מאצעדאניען צווישען קילינדיר און סאלאניקי ווערט שנעל בעפעסטיגט ערווארטענדיג פון עסטרייך דייטשען חיל.

פרישע עליים טרופען האלטען אין לאנדען ביי סאלאניקי. דיעזע אלע זיינען וועטעראנען, דאס הייסט אלטע „חינגער פרעסער” און זיי ווערען באלד געשיקט צום פראנט.

די „וועטעראנען” וואס ווערען ערמאהנט אין דיעזער דעפעשע מיינט מען א פנים א טהייל פון די טרופען וואס זיינען צוריק געצויגען געווארען פון די דארדאנעלען.

* * *

די דריי חברה דערקענט

יוסף קראוס, אייק קאהען און רזשיק נאגלה, זיינען נעכטען אין דער פריה פארגעבראכט געווארען אין פאליס קאורט אויף דער קלאגע פון גנבה.

ווי עס איז שוין געווען בעריכטעט זיינען די אויבענדערמאהנטע פערהאלטען געווארען אויף'ן גרעניץ, און ווערען אנגעקלאגט דאס זיי האבען צוגעגנב'עט פאר דריי טויזענד דאלאר דיימאנדס פון בערנארד עללען פון 309 קאנטינענטעל לייף בילדינג.

טראטצדעם וואס די דריי חברה לייט זיינען געכאפט געווארען האט מען אבער די דיימאנדס ביי זיי ניט געפינען.

מר עלען האט דערקענט די דריי אויבענדערמאהנטע ארעם די וועלכע זיינען צו איהם געקומען בעטען צו ווייזען זיי דיימאנדס, און ווי זיי זיינען ארוים פון זיין [illegible] די דיימאנדס מער שוויגדען, פאר אינספעקטאר קענעדי האבען זיך די דריי חברה מודה געווען אז זיי זיינען געווען ביי מר עלען, אבער זיי לייקענען אז זיי האבען גענגנב'עט די דיימאנדס.

לויט די פאליציי גיט איבער זיינען די דריי גנבים גלייך נאך דער גנבה געגאנגען צום יוניאן סטיישאן, אום אוועקצופאהרען זיי האבען זיך אבער ארומגעזעהען אז אזוי ארום קענען זיין ארויין פאלען, זיי האבען דעריבער גענומען א טעקסי קעב פון דאנען נאך האמילטאן און פון דארט זיינען זיי מיט דער טריין געפאהרען ביז ברידזשבורג וואו מען האט זיי פערהאלטען

זייער קיים איז אבגעלעגט געווארען פאר א וואך.

א סברה אז ער איז רייך

מען זאגט דאס לארד מיכעלהעם — אן ענגלישער לארד פון פארטוגעזישער אבשטאמונג — וועלכער האט פערשפראכען א בעלוינונג פון 5 טויזענד דאלאר צו וועלכען עס איז ענגלישען אוויאטאר וואס וועט פערניכטען א צעפעלין ווען ער האלט אין פליהען אין דער לופטען, זאגט מען דאס ער איז איינער פון די רייכסטע אין אייראפא.

ער איז דער אייגענטהימער פון דעם בעריהמטען הויז אין סטראבעררי הילל, וועלכעס האט אמאל געהערט צו מאריס וואלפאול. ער האט א קאלעקציע פון עדעלשטיינער, זאגט מען אז זי איז די פיינסטע אין דער וועלט.

לארד מיכעלהעם האט אויך סובסקרייבט 5 מיליאן דאלאר צו דער מלחמה הלואה.

דארום, הייסט עס, דענקט מען אז מן הסתם איז ער טאקי רייך.

געלד געשיקט

מר. ה. ווינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

37

סענט (פאררובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט

דער אידישער זשורנאל מופט קירצליך אין א גרעסערען פלאץ 251-253 קווין סטריט וועסט

קלאסיפיצירטע דירעקטארי

איטין'ס קויהלען
די בעסטע אין מארקעט. ריכטיגע וואג. דעליווערט צום הויז. פאן קאלעדזש 1036

אינשורענס

פייער! פייער! פייער
פייער אינשורענס ביי דער בעסטער, רייכסטער און ראיעלסטער קאמפאני אין אמעריקא. די קאנטינענטעל אינשורענס קאמפאניע
24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

פלייט גלאס און בורגלערי אינשורענס.
ביי רעה זיכערסטער קאמפאני
קענעדע'ס אינשורענס אפיס
24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

עקסידענטס און סיקנעס אינשורענס
די זיכערסטע קאמפאני, רייכסטע און ראיעלסטע אין אמעריקא. קענעדע'ס אינשורענס אפיס
24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

אויטאמאביל אינשורענס
די זיכערסטע, בעסטע רייכסטע און ראיעלסטע קאמפאני אין אמעריקא
קענעדע'ס אינשורענס אפיס
24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

מערידזש לייסענס
אויב איהר דארפט מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, דאן קומט צו 24 טאראנטא סטריט אדער 50 בערנארד עוועניו מה... קענען וועט אייך גוט בעהאנדלען. טעלעפאנירט צו איהם מיין 4711
1—1

פיימאן און ראטשטיין
165¼ קווין וועסט. ביי אונז בעקומט איהר פייער, לייף און עקסידענטס פאליסעס פון די רייעלסטע קאמפאניעס.

אינשורענס פייער
פייער, לייף, עקסידענט, און סיק בענעפיט בעקומט איהר אין חזן קאפלאנס שיפס קאנטאר 207 קווין וועסט טעלעפאן אדעלייד 239

אייז קרים און טאבעקא

דווארקינס אייז קרים פארלאר
צייטונגס און בוכהאנדלונג.
145 סיינט פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 4029
(12—10)

בוטשערס

מ. בראקער
די בעסטע פליישע, אויך טשיקענס פון ער הכשרות בולינג. 55 קענזינגטאן עוועניו

גאלדשטיינס בוטשער שאפ
אבערלין פליישע צו 8 סענט א פונט 204 ...ליד עוועניו קארנער ארטהור טעלעפאן קאלעדזש 1470
12—22

סאלקאוויטשעס פלייש מארקעט
בעסטע פליישע צום זעלבען פרייז. 93 ארטהור סטריט
12—25

קענעדער מיעט מארקעט
האלסייל און ריטייל בוטשערס
36 סענט ענדרו סטריט פאן קאלעדזש 6733
(12—21)

בוכהאנדלונגען

דווארקינס הויפט בוכהאנדלונג
צייטונגס אגענטור און אדווערטייזינג אפיס
64 עליזאבעטה סטריט. פאן ארעלייד 3799

בייסיקעל דילערס

די פירלים בייסיקעל ווארקס
133 עגנעס סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3582
אויטאמאבילס געגרענט פאר $1.25 א שטונדע

פאלאק'ס 20 עגנעס סטריט
בייסיקעלס און בייבי קערעדזשעס נעפיקסט בעסטע צופריעדענהייט

בעקערס און קאנפעקשיאנערס

די יונייטעד בעקערס
די ריינסטע און געשמאקסטע, פרישעסטע ברויטס און קייקס.
94 עגנעס סטריט. טעלעפאן ארעלייד 3533

בארבערס און האר דרעסינג

לידיעס העיר דרעסינג פארלאר.
איך מאך די בעסטע שייטלען און צעפ צו ביליגסטע פרייזען מר. רובין 128 טשעסנאט סטריט
(12—10)

וויניקס בארבער שאפ
די בעסטע שייווס און הייר קאטס. שנעלע אטענדענס. 165 סענט פעטריק סטריט.
(1—9)

ניו־יארק העיר דרעסינג
מרס. פינגער מאכט די בעסטע שייטלען און צעפ פון די בעסטע אייראפעאישע האר צו די ביליגסטע פרייזען. 187 עגנעס סטריט.

גראסערים

ה. דייוויס, 14 קענזינגטאן עוועניו
האלסייל און ריטייל גראסערי, צוקער 6 סענט, ליכט 6 סענט א דאזען. טעלעפאן קאלעדזש 4281
(1—9)

מרס. טאען'ס גראסערי
קומט פאטראנייזט די גראסערי. ביליגע פרייזען
83 ארטהור סטריט
12—25

דאמיניאן גראסערי
האלסייל און רייטעל. 110 עגנעס סטריט. קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קעסלער פראפ.
(12—10)

די אנטאריא איסט קא.
די בעסטע הייוועז צו בעקומען אין אלע גראסערים אפיס 46 סענטער עוו.
12 17

ראזענפעלד'ס גראסערי
51 ארטהור סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 5433
פרישע גראסערי דעליקאטעסען, וועדזשעטייבל, פרוכט. אלעס ביליג.
1—1

גאלד'ס גראסערי
קארנער סט. פעטריק און קענזינגטאן, גראסעריס, דעליקאטעסען, פרוכט צו ביליגע פרייזען.
1—1

אידישע קענדי פעקטארי
די איינציגע אידישע האלסייל קענדי פעקטארי אין טאראנטא. ביליגע פרייזען. 34 קערהאעל סטריט. קאלעדזש 1238.
17—1

ה. גארפינקעל
51 קענזינגטאן עוועניו. גראסעריס וועדזשעטייבלס פרוכט און דעליקאטעסען צו די ביליגסטע פרייזען.

ס. פ. ווילסאן
האלסייל גראסערס און אימפארטער
406 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן קאלעדזש 7852
(1—22)

גלאז, עלעקטריק הארדווער סופליי

ב. קאפלאנס הארדוויר סטאר
סעלף פיטערס און גאז היטערס סופלייז
140 עגנעס סטריט. טעלעפאן מיין 6053
(1—10)

די קאט רייט פלייט גלאס קא.
אלערליי שויבען, פענסי גלאז, ספיגעל גלאז ביליג 104 עליזאבעט סטריט. פאן מיין 6318
ס. יאראמלינסקי פראפרייטאר.
12—14

ראיעל עלעקטריק סופליי קא.
קויפט דירעקט עלעקטריק פיקטשורס פון האלסייל 106 קווין סטריט וועסט
12—14

די עדיסאן עלעקטריק וויירינג קא.
הויז, סטארס, פעקטאריס עלעקטריק וויירינג גאראנטירטע ארבייט.
309 קווין וועסט פאן ארעלייד 3395
12—14

ב. שערמאן
פלאמבער, בלעכער און הארדוויער. 527 קווין סט. וועסט. פאן ארעלייד 2653
12 17

עדיסאן עלעקטריק וויירינג קאמפאני
לייטינג און פאור, עלעקטריק פיקטשורס, ביליגסטע און בעסטע צופריעדענהייט. מר קלינג 309 קווין וועסט טעלעפאן מיין 3395

עדיסאן עלעקטריק וויירינג קאמפאני
עלעקטריק וויירינג פיר סטארס, הייזער און פעקטארים צו די ביליגסטע פרייזען
309 קווין וועסט, טעלעפאן מיין 3395

מ. שלעכטער
280 קווין וועסט, די איינציגע אידישע פאטאגראפיסט אין שטאדט וואו איהר קענט קריגען די בעסטע בילדער צו די ביליגסטע פרייזען

דראגיסט

ג. ספרינג
אידישער אפטייק, פראסקריפשאן דראגיסט ספיידינא און סיינט פעטריק פאן קאלעדזש 405
(12—10)

מ. ס. מיראטשניק
פרעסקריפשאן דראגיסט, 50 ארטהור סטריט קארנער פאלמערסטאן עוועניו,
טעלעפאן קאלעדזש 3711, נאכט בעלל
12 17

סטראטהערסי סאנס, קעמיסט
ארטהור און יוקליד, בלור און פאלמערסטאן
פרעסקריפשאנס אונזער ספעציאליטעט
(1—13)

דראג סטאר.
האגמאן'ס דראג סטאר 444 ספעדיינא עוו. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צום פרעסקריפשאן דעפארטמענט.
1—15

דראגיסט.
דראגיסטען אויף וועלכע מען מעג זיך פערלאזען זיינען מורס לימיטעד 374 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן מיין 3729
17—1

דיירי און פראדויס

די קענעדיען קרימערי קא.
20 דיווישאן סט. פאן קאלעדזש 6100
די בעסטע, פרישסטע פאסטערייזט מילך דעליווערט.
12 17

האלפערינס פוטער
ריינע, פרישע פוטער יעדען טאג. פרעגט אויף ווי אין גראסערי, 227 ספעדיינע עוועניו פאן קאלעדזש 7574
12 17

דעליקאטעסען און לאנטש רום

מ. גרייזמאן'ס
ניו יארק כשר דעליקאטעסען און לאנטש רום
פאן ארדערס דעליווערט.
72 טשעסטנאט סטריט. טעלעפאן מיין 6203
(12—10)

דזשאו קראפיפקא
דעליקאטעסען און לאנטש רום
177 סיינט פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 5757
(12—10)

מארקאוויטשעס לאנטש רום
סאפט דרינקס, קענדיס אויך דעליקאטעסען.
60 טעראלי סטריט. פאן אדעלייד 957
(12—10)

דזשועלערי און קראקערי

ראהט'ס דזשועלערי סטאר
וואטש מייקער, אלע ארבייט גאראנטירט
480 קווין סטריט וועסט
(1—9)

מינאוויטשעס דזשועלערי סטאר
עקספיריענסד דזשועלערי און וואטש מייקער
אלע ארבייט גאראנטירט
85 עליזאבעטה סטריט. פאן מיין 3244
(12—10)

בלומשטיינס אימפארטירטע
קראקערי און ענאמיל. אלד קאנטרישע קיך געשיר
169 סיינט פעטריק סטריט
12—14

י. ה. לאיס
פאטאגראפער און אפטיקל. צופרידענהייט גאראנטירט. 50 ענדערסאן סט. ניער מיקאל. פאן מיין 2133
12 17

ליטאוויטשעס דישעס סופליי
113 דעניסאן עוו. ניער סט. פעטריק דישעס אויף חתונות, בריתן, פארטיעס געבארגט.
12 17

דזשוועלערי און וואטשעס

ה. שוט
עקספיריענסד וואטשמייקער, וואטשעס און דזשועלערי, אלער ארבייט גאראנטירט
607 קווין סטריט וועסט
1—12

העטס און מילענערי

די קראהן מיללינערי סטאר
די לעצטע, שעהנסטע סטייל ליידיס העטס מעסיגע פרייזען. קומט איבערצייגט אייך
260 קווין סטריט וועסט
(12—10)

זעלדענס העטס און קעפ סטאר
העטס און קעפס
ווערט געמאכט צום ארדער צו 50 סענט א קעפ, קומט און איבערצייגט זיך!
324 קווין סטריט, וועסט
1—12

ריעל עסטייט

W· WOOLFE
ריעל עסטייט און אינשורענס
52 ארטהור סטריט. פאן קאלעדזש 1820
12—14

וואדעוויל און מאווינג פיטשורס

פופעלס טהעאטער
שעהנסטע וואדעוויל און מאווינג פיקטשורס
332 קווין וועסט ניער ספידיינא
12—14

די מייפעל לייף טהעאטער
הייקלאס מאווינג פיקטשורס
קארנער קווין און עליזאבעט סטריטס
12—14

טשיקענס און פיש

רובינשטיין און גראסמאן
טשיקען דיעלערס, טשיקענס ווערט געשיקט שעכטען צום וועד הכשרות. דעליווערט צו הויז 123 עגנעס סטריט. פאן מיין 4704
(12—10)

הערי גאלד
פיש דיעלער און אימפארטירטע סקאטש, און האלענדער שמאלץ הערינג
7 סיינט פעטריק מארקעט. פאן אדעלייד 3796
(12—10)

מאיר קאפלאן, פיש דיעלער
פרישע פיש אימער צו ביליגער ווי איבעראל
132 עגנעס סטריט. פאן מיין 6980
(12—10)

די פארמערס פראדוסיע
גוטע טשיקענס, פרישע פיש. דעליווערט פריי ביליג. 31 באלדווין סטריט.
12—14

ב. ווינשטיין
גענז, טשיקענס, קאטשקעס, אויך פרוכט
26 קענזינגטאן עוועניו.
12—14

גלאסמאן'ס פיש סטאר
אלערהאנד לעבעדיגע פיש צו יעדער צייט ביליגע פרייזען. 58 ארטהור סטריט.
12—25

סעם קיסליק, 54 ארטהור סטריט
וועסטערן פיש מארקעט, יעדען טאג צו בעקומען לעבעדיגע פישען צו די ביליגסטע פרייזען. קומט און איבערצייגט אייך.
(1—13)

אברהם שטארק
דיעלער אין טשיקענס, גענז און קאטשקעס. טעלעפאן ארדערס פינקטליך אטענדעט.
12 סענט פעטריק מארקעט, — אדעלייד 3669
1—7

טאבעקא דילערס

י. און ה. דווארקין
האלסייל טאבעקאניסט
64 עליזאבעטה סטריט. פאן ארעלייד 3799
(12—10)

סאפט דרינקס

דז. פאומאן
קארמאנייטעד דרינקס, זויערע פיקעלס, פאטייטאס 11 קערהאוועל סטריט. פאן קאלעדזש 2190
12—14

פיינטס און וואלל פייפער

יעקב שווארץ
וואל פייפערס און פיינטס צו ביליגע פרייזע: די שעהנסטע דעזיינס
129 טשעסנאט סטריט. פאן אדעלייד 4047
(12—10)

האפמאנס פייפער און פיינט סטאר
די שעהנסטע פייפערס צו ביליגע פרייזען
129 ענגעס סטריט פאן ארעלייד 3921
(12—10)

דז. ראטענבערג
וואל פייפער און פיינט
186 סיינט פעטריק סטראט, פאן קאלעדזש 4538
12—14

טאראנטא פיינט און וואלפייפער קא.
שעהנסטע פיינטס און וואל פייפער. אפען אבענדס
45 ענדריסאן סטריט פאן ארעלייד 3554
12—14

די ארט פיינטינג קאמפאניע
60 ארטהור סטריט קאלעדזש 4798
היי קלאס וואל פייפער, פיינטס אויף אינאמעל
12—22

פארניטשור דילערס

ראטשטיינס פארניטשור קא.
ספעשעליסט אין הויז פארנישינג. קעש און קרעדיט
490 קווין סטריט וועסט. פאן קאלעדזש 6981
(12—10)

ל. יאלעס.
היי קלאס פארניטשור. קעש אדער קרעדיט ביליגע פרייזען.
379 קווין סטריט וועסט. פאן אדעלייד 1345
12—14

די קינג אקשיאן רומס
פארניטשור דיעלערס, סיילס מיטוואך און שבת אום 2 אוהר. 439 קווין סטריט וועסט.
(12—10)

דזש. שיפמאן
איך קויף און פערקויף פערשיידענע סטאר־פיקטשורס, 168 עגנעס סטריט פאן מיין 7636
12—25

פאוס און שוהס

בוטס און שוהס.
נעהט פאר אייערע בעסטע בוטס און שוהס און ראבבערס צו דזשאהן פעטטאן 339 ספעדיינא עוו. אלע סארטען קינדערשע שיך צו די ביליגסטע פרייזען.
1—15

ערואן קארפ
ווער עס גלייבט א גוטען דזשאב צו פיקסען שיך מאכען פון אלטע נייע. קומט און איבערצייגט זיך. 171 סיינט פעטריק סטריט.
(1—9)

מ. געללער
37 עליזאבעט סטריט. ספעשעליסט אין רעפערינג אלערליי פארס. טרימינגס סעט און קאוטס. ביליגע פרייזען.
(12—10)

די מאדערן שוה רעפערינג קא.
שיך ווערט געמאכט צו ארדער. ביליגע פרייזען
497 קווין וועסט. פאן ארעלייד 1074
12—14

די לאנדאן פאר קא.
פאר סעטס, קאוטס, טרימינגס.
ספעשעל אלטערישאנס. 304 יאנג סטריט.
12—14

קוילען, היי און האבער

מ. איטין
ראדזשערס קוילען. ריכטיגע וואג. דעליווערט צום הויז. פאן קאלעדזש 1036
אפיס 55 אגוסטא עוועניו

ג. גודמאן
היי, האבער און ראדזשערס קוילען.
דעליווערט אין הויז.
109 עגנעס סטריט. פאן מיין 6057
(12—10)

יצחק שטארקמאן 66־68 ארטהור סט.
האלסייל און ריטייל האבער, היי, מעהל, קויהלען. מיר דעליווערען צום הויז. טעלעפאן קאלעדזש 7838
4812—12—30)

ש. סאלאוויי
היי, האבער צו ביליגע פרייזען דעליווערד
40 קעמערען סטריט טעלעפאן קאלעדזש 5443
1—1

א. בראק
44 ארטהור סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 5743
האלסייל און ריטייל דיעלער אין היי מעהל און פיער
(1—13)

נ. סאפראן
מעל און פיעד
היי 100 פונט פיר 1 דאלאר
154 יארק סטריט

קלינינג און פרעסינג

ס. זייד, די עפישינג קלינינג קא.
קלינערס, דייערס און פרעסערס
205 ספידיינא. פאן ארעלייד 2897
(12—10)

גרינבערג'ס היי קלעס קלינינג
צו די ביליגסטע פרייזען, דעליווערט. 539 קאלעדזש סטריט. פאן קאלעדזש 2905
1—1

דזשייק ארבוז
607 קווין וועסט, פרענטש קלינינג. $1.25 איך מאך אויף צום אהדער נייע סוטס ארבייט גאראנטירט
(1—13)

מ. פראצאוואסקי 64 ארטהור סטריט
מאכט בעקאנט, דאס ער פיקסט און קלינט אלטע ארבייט און אויך נייע ווירד געמאכט צום ארדער.
(1—13)

שניידער און שניידער סופליי

פרומשטיין בראדערס
וואלען און טרימינגס צו ביליגסטע פרייזען
96½ עגנעס סטריט. 173 סיינט פעטריק סט.
(1—13)

פ. דייוויס
באים, סוטס און אווערקאוטס צו ארדער מעסיגע פרייזען. 167 עגנעס סטריט.
(12—10)

1 דאלאר סקוירט הויז.
סקוירטס צו מעזשור $1 אפ. דרעסעס $2.50 אפ
11 ארטהור סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 1388
12—25

וואלפיש'ס
דריי גודס און שוה סטאר
140 עליזאבעט סטריט. ביליגסטע פרייזען
—2

מ. גאלדבערג.
היי־קלעס קאסטום שניידער. גוט און ביליג.
11 סענטער עוו.
17—1

ל. ברייטשטיין.
614 קאלעדזש. טעלעפאן קאלעדזש 8531. איינציגער אידישער בראנטש פון דער זינגער נעה־מאשין קא.
17—1

וויינען און שנאפסען

א. דז. קאנוויי
מיר האבען אלע אידישע שנאפסען, ליקער, וויין. דעליווערט צום הויז. איידזשענט יצחק ראבינאוויטץ. פאן קאלעדזש 166.

ווען איהר פאטראניזירט די לייטע וואס זיינען אדווערטייזט אין דעם „אידישען זשורנאל" דאן פאטראנייזט איהר אויך דעם „אידישען זשורנאל". דערמאהנט דעם „אידישען זשורנאל" ווען איהר קויפט וואס.

ליעבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ק־ד.

(38־טע פארזעצונג)

שוואך און שטארק.

אויף דעם שרעקליכען געשריי פון אמאליען איז דיא קאמער־פרוי אריינגעלאפען, זיא האט דער פרינצעסין וויא לעבלאז געפונען, מיט א טויט בלאסען געזיכט איז זיא רוהיג, אויף איהר בעט געלעגען.

— וואס איז דא געשהן? ווארום האט דיא פרינצעסין אזוי הויך געשריען? דיא פרוי איז געשטאנען וויא נעפאראליזירט פון שרעק און האט אליין ניט געוואוסט וואס צו טהאן.

פלוצלונג האט דיא קראנקע ווידער לעבען בעקומען, אמאליע האט געעפענט דיא אויגען און וויא אבוועהרענד האט זיא האסטיג געמאכט מיט דיא הענד.

— אוועק, עלענדע ליגנערין — אוועק פון מיינע אויגען! זאלסט עס ניט וואגען צו מיר נאך אמאל צו קומען, האט דיא קראנקע וואהנזיניג געשריען, איך ווייס, דנא ווילסט אונז אומברענגען, דוא ווילסט אונז אונגליקליך מאכען — איך — בלייך וויא דער טויט, ציטערענדיג פון שרעק איז דיא קאמער־פרוי אפגעשפרונגען צוריק.

— בארעמהערציגער גאט, איז דיא פרינצעסין וואהנזיניג געווארען? צו וועמען האט זיא דא גערעדט און פון וועמען? וואס איז פאר א פלוצלונגער אנפאל און וועמען האט זיא געפלוכט וואס וויא האט פון איהרע אויגען פעריאגט, עס איז דאך קיינער אין צימער געווען?

דיא קאמערפרוי האט גערופען אום הילפע, זיא האט געשיקט נאך דעם לייבדאקטאר און דאן נאך חריסטינא פאן האאק, דיא לעצטע זאל גלייך, קומען, ווייל עס איז אן אונגליק געשעהען.

דיא קאמערפרוי וועלכע זיא האט נאך דער הויף־פריילין ארויסגעשיקט, האט פון איילעניש און פון שרעק גאר ניט געאכטעט, דאס מעהרערע פערזאנען זיינען ארום דער האפפריילין פערזאמעלט געווארען, און אז זיא האט איהר פון דאס געשעהענע געמעלדעט, האט חריסטינא פאן האאק, פון שרעק אויסגעשריען און אהנע אום וועמען זיך צו קימערן איז זיא פון זאל ארויסגעלאפען, צו דעם פליגעל וואו דיא פרינצעסין איז געלעגען.

שנעל וויא א בליץ האט זיך פערברייטעט דיא שרעקליכע נאכריכט, דאס דיא פרינצעסין אמאליא איז פלוצלונג וויעדער געפעהרליך קראנק געווארען און איז נאהענט צום טוידט, דיא מוזיק איז פלוצלונג פערשטומט געווארען, דער הויף האט זיך באלד פון באל צוריקגעצויגען, און באלד זיינען אלע געסט דורך דיא פערשיעדענע טהירען זיך צוגאנגען.

און חריסטינא איז אטהעמלאז פון שרעק אין קראנקענצימער אריינגעקומען, האט זיא געפונען דיא פרינצעסין אין א פירכטערליכען פיבער זיך ווארפענדיג אויף איהר געלעגער, מען האט איהר קוים אויף איהר געלעגער געקענט איינהאלטען, אזוי איז זיא געווען און האט נור געשפראכען פון דער דונקעלער געשטאלט, וואס איז לעבען איהר בעט געשטאנען און דאביי האט פערזיכערט דיא קאמערפרוי דאס זיא איז פון דעם נעבענצימער ניט אפגעטראטען און דאס זיא קען שווערען דאס קיינער איז דא אין קראנקענצימער ניט געוועזען.

פון וואנען אבער האט זיך דער שרעקליכער געשריי געהערט, פון וואנען נעהמט זיך דיא פאנטאזיע, דיא זעלטזאמע רייד? וויינענדיג איז חריסטינא לעבען דער קראנקער אויף דיא קניע נידערגעזונקען און הארצרייסער האט זיא ביטערע טרעהרען פערגאסען אויף דעם טרויעריגען שיקזאל פון איהר אונגליקליכע פריינדין וועלכע ליגט יעצט קראנק; דער קעניג מיט דער מוטער זענען אריינגעקומען אין קראנקענצימער און אויף אלע געזיכטער איז געלעגען דיא פראגע: וואס איז דא געשעהען? וואס איז דאס, דיא פרינצעסין וואס האט שוין בעסער געפיהלט, האט איהר ווידער נאהענט צום טוידט געבראכט?

וואכען זיינען פערגאנגען זייט יענעם באל, אהנע דאס צו דער פרינצעסין זאל זיך בעסערן, ערנסט און בעזארגט זיינען געווען דיא מינעס פון דיא דאקטוירים ווען זיי פלעגען ביי דער קראנקער זיין, אין דעם צושטאנד פון דער פרינצעסין האט קיין בעסערונג ניט געוואלט איינטרעטען, פון טאג צו טאג איז דער פיעבער געשטויגען און אין דיא פערפלאנטערטע רייד פון דער קראנקער האט מען אימער געהערט וויא מיט שרעק דערמאנט זיא דיא דונקעלע געשטאלט, וועלכע האט איהר יעצטיגען ריקפאל פעראורזאכט דיא ערצטע האבען שוין דעם קעניג אויף דאס ערגסטע פארבערייטעט, דער פיבער, ווען ער וועט ווייטער אזוי שטייגען, מוז דער פרינצעסין דעם טוידט ברענגען; אבער פלוצלונג האט זיך דער ווינד איבערגעדרעהט, דער פיעבער איז געזונקען, שוואכער געווארען, דיא קראנקע איז געווארען אויסער געפאהר, דאס וואס דיא ערצטע האבען ניט געקענט ערווארטען איז דאך געשעהען, דיא יוגענדקראפט האט איבער דער קראנקהייט געזיעגט, דיא פרינצעסין איז געוועזן געררעטעט.

זיא איז נאך געלעגען בלייך און מיעד אויף איהר רוהע בעט, דאך האבען איהרע אויגען רוהיג געקוקט און באלד האט זיך ארויסגעציגט, דאס זיא אינטערעסירט זיך מיט אלעס, וואס ארום איהר קומט פאר.

חריסטינא פאן האאק איז אין דער שווערער צייט פון דער פריינדינס בעט ניט אפגעטראטען און דיא קראנקע האט יעצט אהן איהר קיין מינוט ניט געקענט זיין.

אזוי איז זיא אויך היינט ביי אמאליאס זייט מיט א בוך אין האנד געזעסען פון וועלכען זיא האט דער פרינצעסין פארגעלעזען; אבער אז זיא האט געזעהען, דאס דער פרינצעסינס אויגען קוקען פערטראכט אין דער וועלט ארין, האט זיא אויפגעהערט צו לעזען און האט בעטראכט דער פרינצעסין מיט דיא גרעסטע אויפמערקזאמקיט.

פלוצלונג זיך אמאליא צו חריסטינא געווענדעט און איהר פעסט אין דיא אויגען קוקענדיג האט זיא שטילערהייט געפרעגט:

— חראסטינא, האט איהר וועגען טרענקען גאר ניט ערפאהרען?

— ניין, קעניגליכע האהייט, האט דיא געפרעגטע אין דעמזועלבען טאן געענטפערט, עס וואונדערט מיר זעהר וואס אויף אייער לעצטען בריעף איז קיין ענטפער ניטא, איך בין אויך זעהר אונרוהיג.

א ביטערער שמייכעל האט זיך אפגעשפילט אויף אמאליאס געזיכט

— א, איך וואונדער זיך ניט אזוי, האט דיא פרינצעסין געמורמעלט, איך ווייס דאס מען ווענדעט אן אלע מעגליכקייטען אום אונזערע בריעף זאלען אויף זייער בעשטימטען פלאץ ניט קומען, איך בין פעסט איבערצייגט, דאס טרענק האט מיין בריעף ניט ערהאלטען, ער האט וויעדער נאך אמאל צו מיר געשריעבען, אבער אויך זיין בריעף איז צו מיר ניט אנגעקומען

חראסטינא פאן האאק האט צוגעשטימט צו דיעזער מיינונג, אויך איהר איז שוין פיעל מאל דער געדאנק אויפ'ן זינען געקומען

פלוצלונג האט אמאליא חריסטינאס האנד אנגענומען און זיך צו איהר איינגענד האט זיא איהר אטהעמלאז שטילערהייט געזאגט:

— ווייסט איהר ווארום איך ווענדע אלעס אן אום געזונד צי ווערן? איך מוז טרענקען זעהען און אין דיא לאנגע טעג וואס איך בין אויף מיין בעט רוהיג געלעגען און געקלעהרט, האב איך א פלאן אויסגעארבייט.

חריסטינא איז דאס הערענדיג אויפגעשפרונגען,

— איהר זייט צו שרעקענדיג, חריסטינא, איהר ציטערט פאר מיין קעניגליכען ברודער! איך וועל אבער דאס וואס איך האב זיך פארגענומען דורכפיהרען, הערט מיר נאר צו: מיין געזונד בעסערט זיך יעצט זעהר שנעל, און גאר גיך וועל איך געזונד ווערען, אין הויף וועט מען זיך וואונדערען מיר אזוי שנעל פאלקאם געזונד צו זעהן, און דאך איז דאס ניט מעהר וויא דער הומפעט, דיא זעהנזוכט, וואס טרייבט מיר מיט שטורם ארויס צו געהן פון דיעזער אומגעבונג, וועלכע דערמאנען מיר מיין גליק און צייגען מיר מיין אונגליק.

פלוצלונג איז היינט ביי מיר געוועזן; ער האט מיר א געהיימניס פערטרויט, דאס קירצליך וועט דער פרינץ פראנץ דא זיין איך וועל שיינבאר אויף דעם ווילען פון קעניג איינגעהן, אבער צו דערזעלבער צייט איהם זעהר בעטען, ער זאל מיר ערלויבען א רייזע צו מאכען, נאך דעם וויא איך בין אזוי קראנק געוועזן וועט מיר דיא רייזע זעהר גוט טהאן אויסער דעם וועל איך זיך נאך — מיט דעם זעלבען צוועק

— מיט דעם קעניגס לייב דאקטאר זעהן, אום ער זאל מיין ביטע ביי דעם קעניג אונטערשטיצען.

חריסטינא איז בלייך געווארען, און איהר בליק איז אטהעמלאז נעהאנגען אויף דער פרינצעסין, חריסטינא האט פערשטאנען, דאס דיא פרינצעסין בעצוועקט ניט א רייזע צו מאכען, זיא האט נאך אנדערע געדאנקען דאבייא

דיא פרינצעסין האט זיך נאך מעהר צוגעבויגען צו חריסטינא און צערטליך האט זיא איהר טאליע מיט ביידע הענד ארומגענומען

— חריסטינע, איך ווייס, דאס איהר זייט מיר טריי, ווילט איהר מיר צו ליעב עפעס וואגען, ווען דאס זאל זיין געגען דעם קעניגס ווילען?

— א מיין גאט, קעניגליכע האהייט, וואס ווילט איהר טהאן. האט חריסטינע שוידערענדיג געשטאמעלט.

— א איהר האט ניט קיין מוטה, האט אמאליע ביטער געלאכט, איהר ציטערט פאר דעם קעניגס אונגענאדע, און דאך האב איך אייך יעצט, געוואלט בעטען, איהר זאלט מיר נאך גלאטץ בעגלייטען — איך וויל צו טרענקען!

(פארזעצונג פאלגט)

דער בעסטער סימן

אז אדווערטייזמענטס אין „זשורנאל" ברענגען גוטע רעזולטאטען איז דער פאקט, וואס ווער עס דארף אן ארבייטער, ווער עס האט א ביזנעס צו פערקויפען, ווער עס זיכט א פארטנער און ווער עס האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פערענטען — אדווערטייזט עס אויף דער.

וואנטעד פיידזש
— פון —
אידישען זשורנאל

גיט א קוק אויף די וואנט קאלומס פון „זשורנאל" און איהר וועט זעהען, אז מיר דרוקען יעדען טאג פיעל וואנט עדס. דאס איז דערפאר, ווייל דער „זשורנאל" איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואס ווערט געדרוקט אין אנטאריא, ווייל זי ערשיינט גאנץ פריה, גלייך מיט אלע ענגלישע פייפערס און ווייל אן אדווערטייזמענט, וואס ווערט אונז געגעבען ביי נאכט, ברענגט רעזולטאטען גלייך אויפ'ן נעקסטען פריהמארגען.

אז איהר דארפט ארבייטער, אז איהר ווילט פערקויפען א ביזנעס, אז איהר זוכט א פארטנער, אז איהר האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פערענטען, אדווערטייזט עס אין "זשורנאל".

ענגלישע פרויען ווערען געפאדערט זיך מקריב צו זיין פאר פאטריאטיזם

פון רעגינא פרישוואסער

געשיכטע ווידערהאלט זיך. דאס, וואס איז אמאל געפראקטיצירט געווארען פון די אונוויסענדסטע פעלקער, ווערט יעצט געפראקטיצירט ביי די פארטגעשריטענע אייראפייער, און מיר אפלאדירען זיי דערפאר.

אמאל, ווען א פאלק וואס האט געדינט צו פיעלע געטער, איז געווען אין פלייצט פון וואסער אדער ליידען פון אן געפאהר פון ליידען הונגער, ווערען פערשטעקינע קראנקהייט, פלעגט דאס פאלק אויסקלייבען שעהנע פרויען און זיי לאזען פערברענען אלס א קרבן צו זייער גאט, אום ער זאל זיך איבערבעטען מיט זיי און זיי פערהיטען פון דער דראהענדער געפאהר.

א לעגענדע דערצעהלט, אז דאס פאלק פון בבל האט געגלויבט, אז די לבנה רעגירט איבער די וואסערען, און אז ווען זי וויל, האבען זיי גענוג רעגען, און אויב איהר פערגלוסט זיך, קען זי צוריקהאלטען די רעגענס, וואס האט געמיינט פאר זיי צו האבען א טרוקענעם זומער אדער א הונגער.

אזוי ווי זיי האט זיך ניט געוואלט ליידען פון הונגער, האבען זיי געטרייעט לעבען בשלום מיט דער לבנה, און זיי האבען געבראכט פאר איהר קרבנות. זיי פלעגען אויסקלייבען זיבען יונגע און שעהנע מיידלעך, זיי צובינדען צו א שטיין, וואס איז געלעגען נעבען א ריווער און זיי דארט געלאזען צו זייער אייגענעם שיקזאל.

ביי נאכט, ווען די לבנה האט זעהר שעהן געשיינט און ווען דאס וואסער איז אריבער די ברעגעס, פלעגט עס די אונגליקליכע מיידלעך דערקענען.

אזוי פלעגען זיי זיך פיהרען יעדעס יאהר. און די מיידלעך, וואס מען האט אויסגעקליבען פאר דיזען צוועק, וויסענדיג זייער שיקזאל, זיינען גלייכגילטיג געגאנגען צום טייך און ניט אפילו פראטעסטירט, ווייל זיי זיינען געווען צופריעדען צו אפפערען זייער אייגען לעבען אבי זייער פאלק זאל ניט דארפען ליידען.

דיזעלבע געשיכטע ווערען דערצעהלט פון פערשיעדענע פעלקער, וועלכע האבען געלעבט אין יענער צייט, און אלע בעשטעטיגען דעם פאקט, אז פרויען זיינען אלע מאל בערייט געווען זיך צו אפפערען אום אנדערע זאלען ניט דארפען ליידען.

ווען די מענשהייט האט זיך אביסעל מעהר ציוויליזירט, און ווען דאס גלויבען אין מקריב זיין לעבעדיגע בעשעפעניש צו טויטע געטער, איז שוין לאנג פערגעסען געווארען, האבען זיך פרויען נאך אלץ געאפפערט פאר זייערע אידעאלען, און פיעלע לעבענס פון יונגע פרויען זיינען אויסגעלאשען געווארען נאר צוליעב זייער אינסטינקט פון זעלבסטאויפאפפערונג.

אבער יעצט, אין 20טען יאהרהונדערט, ווען די מענשען זיינען שוין מעהר פראקטישער, און ווען מען גלויבט שוין ניט, אז מיט אפפערען א מענשענס לעבען קען מען פערהיטען אלערליי צרות, צייגען די ענגלישע פרויען, אז זיי זיינען בערייט צו פעראונגליקען זיך און ליידען זייער גאנצען לעבען, אוים ליעבע צו זייער פאטערלאנד, און אוים מיטלייד צו די ענגלישע פערקריפעלטע סאלדאטען, וואס וועלען

(פארזעצונג אויף פיידזש 6)

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
אין
דער מאָדערנסטער מסדר קדושין
אין טאראנטא.

איז
קאנטאר וולאדאווסקי
רופט מיך און איבערציינט אייך

קאַנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאָן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר אָרימע אומזאָנסט.

Toronto Wet Wash Laundry Company, Limited

פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאָונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
ועמפ 30 פונט — 75 סענט. ראַפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאָלאר. יעדער יאשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET
Phone Parkdale 5280-5281

טאראנטאר אידען

סייפט 75 סענטס און איין דאָלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראפ דריי; אייערע העמדער און קאָללארס לעבען לאנג און זעהען אוים קלאָהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד

Taber Laundry Works
444 - 446 Bathurst Street
Phone College 5143, 8333

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאָל סטריט
DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

דר. מ. פיווניק
דענטיסט
קאָר. קווין סט. און ספעדיינא עוו.
טעלעפאָן אדעלייד 4067
באנק אָף האמילטאן בילדינג
DR. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2.

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא

דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט, פאָן מיין 106
פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק
אלע אָרדערס פינקטליך אטענדעט

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאָדערען זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאָג און איינצעלהייטען היינט. מאָלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.

The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

אברהם קאהען
בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאָנער פיר נעהמען אפידייוויטס.
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1541

חתן כלה
זאלען דאָס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס
קאָן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל"

נאטיס!
דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
67 עליזאבעטה סטריט 67

די געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד, ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגרי־ קולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.
פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטע־ ראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענדער־ מאהנטען געגענד שרייבט צו:
ח. א. מעקדאנעלען
דירעקטאר פון קאלאני זאציאן
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

Christmas Appeal
FOR
The Hospital for Sick Children
COLLEGE ST., TORONTO.

Dear Mr. Editor:—

Thanks for your kindness in allowing me the privilege of appealing at this Christmas time on behalf of the Hospital for Silk Children, Toronto.

In the 40 years of the Hospital's existence there have been treated within its walls 26,108 children as in-patients; 231,768 as out-patients; a grand total of 257,876 in and out-patients.

The Hospital for Sick Children gives a province-wide service, for little patients from every section of Ontario have sought its aid. Last year 499 patients were admitted from 232 places outside the city of Toronto. In 1914 there were 394 from 210 places.

Of the 2,838 in-patients last year 1,771 were medical cases and 1,067 surgical. In the orthopedic department of the 2,838 in-patients, 264 were treated for deformities, 21 Pott's disease of the spine, 10 lateral curvature of the spine, 10 bow-legs, 57 club-feet, 17 dislocations of hip, 42 tubercular disease of knee, hip, ankle, wrist and elbow; 76 infantile paralysis, 8 wry neck, and 21 miscellaneous.

Our battle is never-ending—is one that will continue while the world lasts, for it is the fight between the armies of life and death, to save the child life, the sick little ones, sons and daughters not only of our soldier men, but of the fathers and mothers still in this home-land province.

The Hospital is beating back disease and death, the enemies that assail the lives of little children as the British Empire is beating back Germany, Austria and Turkey, the enemies that assail the life of liberty.

So we appeal to the generous people of Ontario not to forget those so near and dear to us, who lie in the beds and cots of this great charity.

Will the people at large, as of old, respond to our call? Will they remember that every year is a war year for the Hospital, every day a day of battle, and that the Hospital needs money, not for its own sake, but for the children's sake?

The Hospital has waged its war for forty years. The people of Toronto and Ontario have been its friend, and this year of all years it requires help. Surely you will give to a charity that cares for every sick child in Ontario, for only as your money reaches the Hospital can the Hospital's mercy reach the children.

Every dollar is a link of kindness in the chain of mercy that joins the money in your pocket to the miseries of some child's life, some mother's heart.

Remember that Christmas calls you to open the purse of your kindness to the Hospital that the Hospital may open the heart of its help to the children.

Will you send a dollar, or more if you can, to Douglas Davidson, Secretary-Treasurer, or

J. ROSS ROBERTSON,
Chairman of the Board of Trustees,
Toronto.

כשר'ע ווארשט בהשגחת הרבנים

אלע סארטען ווארשטען און פליישען געמאכט פעקטשורט אין מיין פעקטארי איז אונטער די השגחת הרבנים גארדאן, ראזענבערג וויינרעב, ליוואי, מיט א משגיח תמידי.

ווען איהר קויפט א. דאלגינ'ס כשר'ע ווארשט זייט איהר זיכער צו האבען די בעסטע סחורה אין מארקעט.

בעטראכט ד' פלאמבע מיט'ן נע־ זיגעלטען טיקעט.

442 אדעלייד סטריט וועסט
טאראנטא

TERDIMAN'S
כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע פאסטרזשעס, ווארשט, סאלאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר פאסטרזש מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108 באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6903.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענערמאהנטען אדרעס.

מ. מ. דייוויס
פאבליק אודיטאר
אודיטינג, סיסטעמייזינג און אינוועסטיגיישאן.
350 קאלעדזש סטריט טאראנטא
טעלעפאן קאלעדזש 7632

אז מר. ל. יאללעס האט איצט א סטאק פון וועלכען מען קאן אויסקליבען אין קיין פראגע.

א גרויסער סטאק און פרייזען ביליגער — פון ביליג.

עס יועט זיך לוינען צו מאכען דארט א בעזוך.

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסעריס און אייזקרים פארלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואורשט ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט נים צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארעס: ווארשט, וויענערס קארענדביעף, באלאנע
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

עמנואל קענען

דארפט איהר פייער לייף־עקסידענס און פלייט גלאס אינשורענס?

ראן קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס
י. ע. קענען

פאר דער קאנטינענטעל אינשורענס קאמפאניע און אנדערע בעריהמטע און זעהר פאפולערע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביזנעס, מעדידזש לייסענס, סטימזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקרמענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.

קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

חזן מאנאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע זיינען שוין איבערציינט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין. רופט איהם אין איבערציינט זיך אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן
125 בעווערלי סטריט

פאררענטען רומס פאר מיטינגס, באקס סאשיאלס און פארטיס

אונזער האלל איז איינגעפיקסט מיט אלע בעקוועמליכקייטען.

פרעגען פון 7 ביז 10 יעדען אבענד אין האלל אדער צום טרעזשורער מר. ס. זייד 205 ספעדיינא עוו. פאן אדעלייד 2897

סעפערייט רים סיסטעם
די וויליאמס
קארטיידזש און סטאָרידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט.

באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען. וואגאנס צו רענטען צו 1 דאלאר 25 סענט א שטונדע. ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט צוגעדעקטע וועגען. פלעזשור טריפס.
ל. י. רעדפערן

יודעל שטארקמאן 66-68 ארטהור סט. האסיל און ריטייל האָבער, היי, מעהל, קויהלען.

מיר דעליווערן צום הויז. טעלעפאן קאלעדזש 7838.

4812—12—30)

בעקאנטמאכונג

עס איז צו אונז אריינגעקומען א גרויסער שיפמענט פון ענגלאנד מיט ענעמעל קראקערי און גלאזווער, וועלכעס מיר קענען פערקויפען ביליגער ווי די גרעסטע סטארס.

סופ טעלער 6 סענט א שטיק דינער פלייטס 6 סענט, בעסטע ענגלעזער 2 פאר 5 סענט, קאפס און סאסים 3 פאר 20 סענט און 3 פאר 25 סענט. טייבעל אוילקלאט 26 סענט א יארד, ווי אויך גראניט ווערען און ענעמעל ביליג.

מיר גיבען דישעס פאר חתונות און פארטיס צו ביליגע פרייזען.

פערגעסט ניט דעם אדרעס 169 סענט פעטריק סטריט קעגען איבער קענזינגטאן עוועניו.

פראפרייטאר ד. בלומשטיין.

פארם צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאָדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סקעס און זא ווייטער. טעלעפאָן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

א פארם פון 150 אקער לאנד, מיט 2 הייזער, 2 בארענס מיט אלע מאשינערי פיר דאס פארם, 28 מייל פון טאראנטא אויף די קינגסטאן ראוד, נעבען א טריין טראָק, וואסער, טעלעפאָן און אלעם ניטיגעס. קליינע איינצאהלונג, א גוטער טשאנז צו מאכען געלד.
פרעגען אין זשורנאל מר וויינבערג.

צו פערדינגען א פלעט פון 3 רומס, סעפערעט סינק, פארניש און בעהייצונג 55 וואגאלע סטריט
4716—26—12

צו פערדינגען א פלעט אלע קאָנוויניענס 161 יוראָן סטריט, ביליג רענט.
4713—26—12

2 אדער 3 רומס צו פערדינגען אלע קאנוויניענס מיט ערלויבניס צו יוזען דעם טעלעפאָן אין הויז.
דזש. גרעגנער 32 בעלוויו עווענוי
קאלעדזש 6463
4720—12—26

א שעהנער פלעט פון 3 אדער 4 רומס, בעסטע קאנוויניענס, גוטע היט, סעפערעט גאז און סינק ביי א יונגע קאפעל אין 56 בעלוויו עוועניו
4847—20—12

צו פערדינגען א פלעט פון 3 שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס. פרעגען 18 דזשעראַרד סט. וועסט. פאר איין קאפעל וועט פערענט ווערען ביליגער.
4855—12—23

צו פערדינגען א ראנסטערס פלעט, אלע קאנוויניענס, גאז און עלעקטריק. נאכפרעגען 7 גרענדזש עוועניו.
4868—12—21

צו פערדינגען א הויז מיט 9 רומס, א גרויסער שעד און לייסענס פאר א רענס שאפ.
נאכפרעגען וועלער און קאמפאניע 54 טעקאמסע סטריט.
4870—12—21

צו פערדינגען א הויז 6 רומס, אלע קאנוויניענס 73 נעסאו סטריט. פרעגען 47 עליזאבעטה סטריט.
4850—12—20)

צו פערדינגען 3 שעהנע רומס אלע קאנוויניענס, ביליג רענט. פרעגען 198 פאלמערסטאן עוו. גלייך אריינצומופען
4851—12—23)

צו פערדינגען א פלעט. אלע קאנוויניענס היט, 331 קווין סטריט וועסט.
4853—20—12)

צו פערדינגען א הויז אין היו דאשעס סטריט 7 רומס אלע קאנוויניענס 12 דאָלאר א מאנאט. פרעגען 173 קווין וועסט.
4833—26—12

צו פערדינגען א הויז אין 106 דאטשעס סטריט 7 רומס אלע קאנוויניענס 12,00 דאָלאר א מאנאט. פרעגען 173 קווין וו.
4833—23—12)

א גרויסער ליכטיגער לאפט אין 1146 קאלעדזש סטריט, 4000 סקוועער פיט, מיט סטים היט און עלעוועטער, גוט פיר אלערליי מאנופעקטשורינג ביזנעס. ביליג רענט. פרעגען 265 גלאדסטאן עוו. לעבען דאנדעס.
4838—22—12)

א גרויסער ליכטיגער פלעט אין 1146 4000 סקוועער פיט, גוט פיר אלערליי מאנופעקטשורינג ביזנעס. ביליג רענט: פרעגען 265 גלאדסטאן עוו. לעבען דאנדעס.
4838—22—12)

צו פערדינגען א הויז פון 7 רומס אין 7 ליפינקאט סטריט
אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקטשורס, רענט ביליג. דער שליסעל אין 7½ ליפינקאט סטריט.
1833—26—12

פיינטער און פייפערהענגער
איך פייפער און פיינט פאר $2 א רום. 165 טשעסטנאט סט. גרינבלאט.
4856—24—12)

פיינטער און פייפערהענגער.
איך פייפער אדער פיינט א רום פאר 2 דאָלאר. ז. דעמבעצקי 33 באלדווין סטריט.
4886—1—20

עקספרעסען און שווערע וועגענס
ווי אויך פיינסטע קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
אגענטור פון ש. בוירנס און קא. קויהלען.
האלגרייוועס ליווערי 11 גרענוויל עוו. פאָן קאלעדזש 4953.

פאר די מלחמה קרבנות

רעווערענד מארגאליס האט אריינגעבראכט צוויי דאָלאר פאר די מלחמה קרבנות.

איין דאָלאר פון הערר האשמאן 11 סאנט פעטריק סטריט, און איין דאָלאר פון מר שווארץ פון פארלאמענט סטריט.

צור עהרע זיין נייע געבוירענער טאכטער האט מר קופער פון 261 ריטשמאנד סט. געמאכט א פארטי פאר זיינע ארבייטער פון שאפ, וואו עס איז געזאמעלט געווארען $15,25 פאר די מלחמה ליידענדע, דורך זעלינקא, שטראום און מאנדעלבוים.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט
— ביי —
THE T. EATON Co LIMITED
עקספיריענסד קלאק אפרייטארס
נאכפרעגען
פעקטארי עמפלאימענט אפיס
16 לואיזא סטריט

פערלאנגט אן עקספיריענסד באי אין קלאטהינג און דזשענטס פארנישינג ביזנעס, אין 161 יארק סטריט.
4717—23—12

פערלאנגט א פרעסער צו וועסטען פרעגען שלעסער 126 יארק סטרוט.
4721—23—12

א פלעט מיט אלע קאנוויניענס 4 רומס 94 בעלוויו עוועניו $12 א מאנאט.
4899—12—24
די קעפמייקערס יוניאן

פערלאנגט א לעבעדיגען באי וועלכער האט געארבייט אין א קאטטינג רום. נאכפרעגען מאדערן קלאק קאמפאניע ריטשמאנד און דאנקען סטריט.
פיערטער פלאר
4892—21—12

פערלאנגט עקספיריענסד פרויען אפערייטארס צו ליידיס און טשילדרענס דרעסעס און אייפראנס.
344 קווין סטריט, וועסט.
4889—22—12

פערלאנגט א דזשענעראל בלעק סמיטה מוז זיין עקספיריענסד אין וועגען פערריכטען, סטעדי דזשאב און גוטע וויידזשעס, ל. בעק און קאמפאני 49 פערל סט, סטריט, טעלעפאָן אדעלייד 1643

פערלאנגט אפערייטארס און פינישערס און סיעם פרעסערס פאר פענטס פרעגען א, לעמפערט און קאמפאניע 82—80 טשעסטנאט סטריט,
4884—12—23

א מיידעל אדער פרוי פערלאנגט פאר א קליינע פאמיליע, לייכטע הויז ארבייט און גוטע וויידזשעס, זיך ווענדען שריפטליך צו מר א. אונגער 169 עמעראלד סטריט נארטה האמילטאן אנטעריא.
4873 —12 — 25

פערלאנגט יונגע לייט, פון 16 יאָהר און עלטער, צו וואָל־וועבעריי. עקספיריענסט אויב מעגליך, און אויב ניט, וועלען זיי זיך לערנען — נאכט ארבייט. מיר וועלען צאהלען $1.50 פאר א נאכט, ביז זיי וועלען זיך אויסלערנען. פרעגען פאר מר. מעהאני. דזשאס. סימסאן ענד סאנס 8 בערקלי סטריט.
4837—22—12

BUSINESS CHANCES
ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

ווער עס וויל קויפען א פארם אדער טשענדזשען פאר סיטי פראפערטי זאָל זיך ווענדען צו
מ. סעקס עקטאָן אנט.
M. SAXE, ACTON, ONT.
4424—3—1

א גוט איינגעטרייטע גראסערי אם מייסטען קריסטליכע לייזונג, צו פערקויפען. אורזאכע אנדערע ביזנעס,
פרעגען באקס 768
4897—12—23

צו פערקויפען א פול רום און סיגאר סטאר, גוטע אורזאך פאר פערקויפען, וויל נעהמען אן מארגיידזש פון פראפערטי.
נאכפרעגען גוראפסקי קווין סטריט,
4883—12—23

צו פערקויפען איין גוט איינגעטרייטע סעקאנד הענד קלאָדינג סטאר אויך נייע קלאָדינג, מיט לייסענס און איין גוטען געגענד מיט איין גוטען סטאק, און ווינציג געלד. פרעגען אין „אידישען זשורנאל" באקס 13.
4844—23—12)

מר. קאהאן 817 קווין וועסט. א גוטע סעקאנד הענד סטאר צו פערקויפען אין איין גוטען סטאק. גאראנטירט צו מאכען א לעבען. ביליגער פרייז. פרעגען 760 קווין וועסט.
4843—23—12)

ה. שפעגיל 768 קווין וועסט. צופערקויפען א סעקאנד הענד סטאר מיט א סטים מאשין. גאראנטירט א לעבען צו מאכען, איין איינגעטרייטע סטאר. פרעגען אויף דעם זעלבען אדרעס
4845—23—12)

פערלאָרען א סעט פאלשע ציינער בעלאנגענדיג צו דער פרוי וועלכע איז אומגליקליכערווייזע דערהרג'עט געווארען ביי דער סטריט קאר זונטאג אבענד אין קארנער ענגעס און טשעסטנאט סטריט. דער יעניגער וועלכער האט עס געפינען איז געבעטען עס איבער צו לאָזען אין אפיס פון זשורנאל ניט שפעטער ווי מיטוואך פריה. א בעלוינונג דאפיר וועט געגעבען ווערען.
4711—12—22

פערלארען א מאַה אין דעם אידישען געגענד, דער יעניגער וועלכער האט געפינען איז געבעטען צו ברענגען אין 265 ריטשמאנד וועסט.
4712—12—22

בעקאנטמאכונג
רעוו. קאפלאן

איז בעוואוסט פאר די לעצטע 10 יאָהר אין טאראנטא און איז בערעכטיגט פון יעדען איינעם פאטראנייזד צו ווערען.

אלע ווייסען ווארום קיינער קען ניט אבלייקענען אז חזן קאפלאן איז דער בעסטער מוהל און שעהנסטער מסדר קדושין דארום ווען איהר דארפט א מוהל אדער מסדר קידושין פארגעסט נים די אדרעסע 166 דזשאהן סטריט אדער טעלעפאָנירט אין הויז אדעלייד 1545 ווי אויך אין שיפס קאנטאר אדעלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מערידזש לייסענס פריי.

פאטראנייזט איינציגע אידישע
— ווינדא קלינינג קאמפאני —

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטרר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סטריט איסט פאָן מיין 7391. ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 1 ADELAIDE EAST

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנעווענטשור יוניאן דעפאָ. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד
געהט אב 7.25 נאכמיטאג
טעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאטראפא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידנים פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין [illegible]

די פראזי סטאָרעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד
הויפט אפיס 323 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237
סעפאראייט רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור

אויסגעבעטע וועגען, גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה, עקספערט פעקערס. באגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטיעלס בעזארגט. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

וואַרשאווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן אדעלייד 1543

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקרטען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד איידזשענסי אדער סאב איידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לשקאל א. ידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף'ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטירער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאָלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף'ן פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויסגעפינען דאָ דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטעד צו דאמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויי בולדען א הויז אין ווערטה פון $300

וו. וו. קארי,
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87083

י. ראזען
האט געמופט פון 30 ראבערט סטריט אין 271 אויגוסטא עוו. טעלעפאן מיין 4582.

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582

SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.

Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

עטוואס מוז געטהאן ווערען

פארהאן פיעל וויכטיגע פראגען אין אונזער היגען אידישען לעבען, וועלכע פערדיענען די גענויעסטע בעטראכטונג, און דאך קימערט מען זיך גאנץ ווייניג וועגען זיי. אין אונזערע שטעדט, איז „קאהען דער פייער־מאכער" בלויז א טהעמא פאר „מאווינג פיקטשורס" און עהנליכע אמוזירונגס פלעצער. ביי אונז אבער איז עס געווארען א טרויעריגע ווירקליכקייט, ניט וואס מיר האבען צווישען זיך פייערמאכער, נאר דאס וואס די קריסטליכע וועלט בעגרייפט עס אזוי. פון צייט צו צייט ווארפט זיך דורך א מעלדונג, אז די אדער א צווייטע קאמפאניע ענטזאגט זיך אנצונעהמען „אינשורענס" פון אידען. מאנכע קאמפאניעס צווישען וועמענס „פאליסי־האלדערס" עס געפינען זיך אידען, „קאנען" די פאליסים, און אנדערע וועלכע גיבען שוין יא פייער־פערזיכערונג צו אידען, האבען בעזונדערע פארמען ספעציעל פאר די אידישע קאסטומער, און א גאנצע רייהע פון „קראמיעס" זענען דארטען אויסגערעכענט פאר אידען. געשעהט א פייער אין א אידיש הויז, אדער קראם, דאן איז גלייך די קאמפאניע חושד דעם בעטרעפענדען „פאליסי־האלדער", אז דאס פייער איז א געמאכטעס, און גאנץ אפט ענטזאגט זי זיך צו צאהלען דעם שאנדערזאין, און אין פיעלע פעלע, ווען קיינע חשדים קענען שוין אפילו ניט זיין, האבען די אידישע קאסטומער גרויסע צרות ביים סעטלען, און די פארשטעהער פון די קאמפאניעס האלטען אין איין טענה'ן, אז די אידען ווילען רייך ווערען פון די פייערן.

אפטמאהל קומט עס אויך דערצו אז די קאמפאניע ענטזאגט זיך ניט נאר צו צאהלען, נאר זי ברייגגט עס אויך אין די געריכטען אריין, מאכענדיג צו דער זעלבערצייט פון דעם א קרימינעלע קלאגע.

פיעלע אידישע פייער אינשורענס אגענטען, האבען אונז איינשטימיג ערקלעהרט, אז עס וועט ניט נעהמען לאנג, און אידיש אייגענטהום וועט פון קיין קאמפאניע ניט פערזיכערט ווערען, חוץ אפשר דאס אייגענטהום פון די עטליכע אידען, וועלכע זענען מעהר בעקאנט אלס גוים ווי אידען.

די לאגע איז דארום א גאנץ ערנסטע. אין דער פייער אטמאספערע, וועלכע רינגעלט אונז ארום, איז אויפגעלעבט געווארען א שמוציגער בלוט־בלבול — דאס „פייער־בלבול", און מען שטעמפעלט אלע טאגאטער אידען אלס „פייער מאכער". מיר ווילען ניט זאגען דערמיט, אז מיר זענען אזוי ווייס ווי שניי אהן שום חטאים און עונות. מיר זענען מענשען צוגלייך מיט אלעמען, און אויב מיר האבען פיעלייכט עטליכע, וועלכע טהוען אזעלכע מעשים, זענען מיר אויך בערעכטיגט צו זיי. א פאלק איז בערעכטיגט צו חסרונות פונקט ווי צו מעלות. און מיר ווילען ניט ערקלעהרען די אידען אלס א מלאכים פאלק, נאר אלס א נאציע פון זינדיגע מענשען־קינדער, און פונקט ווי אלע אנדערע פעלקער מעגען מיר האבען שלעכטע זיהן, פונקט ווי גוטע, אזוי גוט ווי עס האבען עס אלע אנדערע. מיר זאגען ניט, אז מיר האבען זיי, ווייל דאס דארף נאך צוערשט פעסטגעשטעלט ווערען, נאר אויב אפילו מיר האבען זיי, קענען מיר זיך נאך צו יעדער צייט אויסגלייכען מיט די איבעריגע גרופען פון דער בעפעלקערונג. און זעהן ווער עס גיט א גרעסערען פראצענט פון פעררעכער. און דאך פערווירקליכט די ניט־אידישע וועלט דעם פרינציפ פון „כל ישראל ערבים" ביז'ן סוף. ווען ביי וועלכער עס איז גרופע, עס זאל זיך ניט טרעפען א שעדליכע פערזאן, ווערט בלויז דער בעטרעפענדער יחיד בעשולדיגט, ווארפט מען ארויף ביי אונז די גאנצע שולד אויפ'ן כלל. אזוי בעגעהט זיך די ניט־אידישע וועלט מיט אונז און אלע צייטען און אין אלע לענדער, און אזוי ווערט יעצט אויך פראקטיצירט דא ביי אונז.

עס איז יעצט אבער ניט קיין פראגע, וואס קומט פאר מעבר לים, נאר וועלכע שפיעלט זיך אב אויף אונזער אייגענער גאס, און איז אונז זעלבסט נוגע. די רעזולטאטען פון דעם פייער־בלבול לאזען זיך שוין פיהלען, און וואס ווייטער וועלען זיין זייערע רעזולטאטען פיעל טרויעריגערע.

די זאך קען ניט מעהר אבגעלעגט ווערען, זי דארף פערהאנדעלט ווערען, איידער דער בלבול האט זיך נאך פעסט איינגעווארצעלט.

מיר האלטען זיך דערוויל צוריק פון מאכען פארשלעגע, ווייל מיר וואלטען וועלען הערען צוערשט די מיינונג פון אונזערע לעזער, פון די, וועלכע זענען פעראינטערעסירט אין דער זאך, פון די וועמען די זאך איז נוגע, וואס האבען זיי צו זאגען וועגען דיעזען בלבול, וועלכען מען וויל אויף זיי ארויפשליידערן. עטוואס מוז אבער געטהאן ווערען, און געטהאן ווערען ענערגיש און שנעל.

זיי קעהרען זיך אום

פאר דער צייט, וואס די מלחמה קומט פאר, זייט די דייטשע סאציאל־דעמאקראטען האבען געשלאסען „בורג־פריעדען", און געשטימט פאר די קריעגס־הוצאות, און די סאציאליסטען פון פראנקרייך און בעלגיען זענען אריינגעטראטען אלס מיטגליעדער אין זייערע בעטרעפענדע פערטהיידיגונגס־קאבינעטען, זענען פיעלע הספדים געשריבען געווארען אויפ'ן טויט פונ'ם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם, יענע אידעע, וועלכע טראגט אין זיך מענשען און פעלקער בעפרייאונג.

אז די הספדים זענען געוועזען צו פריהיגע, האבען געצייגט די שפעטערדיגע האנדלונגען. אין אלע לענדער זענען די גאנצע צייט געבליבען גרופען, וועלכע האבען פונקט ווי ליעבקנעכט פארגעזעצט צו ארבייטען אין דעם גייסט פון אלמענשליכער ברידערליכקייט, און אפילו די דייטשע סאציאליסטען, די וועלכע זענען אממעהרסטען געטאדעלט געווארען, די קעהרען זיך אויך אום. עס זענען געוועזען די דייטשע סאציאליסטען, וועלכע האבען זיך ארויסגעזאגט געגען די אנעקסיעס, און ביים יעצטיגען צוזאמענקונפט פונ'ם דייטשען רייכסטאג האבען זיי די פראגע וועגען פריעדען ארויפגעשטעלט, און ווען דער זעלבער רייכסטאג האט דינסטאג בעוויליגט ווייטערדיגע קריעגס־בודזשעטען, האט שוין א גרויסער און בעדייטענדער טהייל פון דער סאציאליסטישער פראקציע געשטימט געגען די מארד־הוצאות.

זיי קעהרען זיך צוריק. די הספדים זענען געוועזען צו פריה.

בעריהמטע סאציאליסטען וועגען נאציאליזם

צווישען די אידישע ארבייטער איז צום בעדויערען נאך אלץ פערברייט דער אלטער פאראורטהייל, דאס דער סאציאליזמוס איז להיפך צום נאציאנאליזם, און דאס א סאציאליסט דארף זיין גלייכגילטיג אדער גאר אפילו פיינדליך צו די אינטערעסען און דעם שיקזאל פון זיין נאציאן. די אידישע ארבייטער וויסען נאך זעהר זעהר ווייניג מכח דעם, וואס דער סאציאליזם האט שוין לאנג געענדערט זיין שטעלונג צום נאציאנאליזם, און דאס דער מאדערנער סאציאליזם נעהמט אריין די אידעע פון דער זעלבסשטענדיגקייט און ענטוויקלונג פון די פעלקער אין זיין פראגראם. מיר ווילען דא איבערגעבען די געדאנקען וועגען נאציאנאליזם, וועלכע פיהרער פון אינטערנאציאנאלען סאציאליזמוס האבען אין דער לעצטער צייט ארויסגעזאגט. מיר הויבען אן מיט ענגעלבערט פערנערסטארפער, דעם בעריהמטען עסטרייכישען סאציאליסט, וועלכער איז דער סאציאליסטישער וויס־פרעזידענט פון עסטרייכישען פארלאמענט און פערנעהמט אין עסטרייך דעם זעלבען פלאץ, ווי זשארעס האט איהם פערנומען אין פראנקרייך.

אין אן ארטיקעל „דער מאדערנער נאציאנאליזם", וועלכען פערנערסטארפער האט פערעפענטליכט ניט לאנג צוריק אין דער „נייער רונדשוי" אין בערלין, זאגט דער בעריהמטער סאציאליסט אונטער אנדערעם פאלגענדעס:

„די צאהל פון די מענשען, וועלכע האבען געגלויבט אין די אויסגלייכונג פון די פעלקער דורך דעם שטענדיגען פערקעהר, איז געווען גרויס, און איז נאך יעצט אפילו אין דער מלחמה־צייט ניט אונבעדייטענד. דאס זייגען די מענשען, וועלכע מיינען, דאס ציוויליזאציאן און קולטור וועלען בעשאפען אזעלכע דערנעהנטערונגען פון די פעלקער, דאס זייערע אונטערשיידען וועלען מיט דער צייט גאנץ פערשווינדען.

דיעזע מיינונג איז א טהעארעטיש. זי איז געגען אלע ווירקליכע פאקטען. זי נעהמט זיך אבער פון אן אלגעמיינעם מענשהייטס־אידעאל אדער פון דעם דאגמאטישען גלויבען אין א שלעכט פערשטאנענעם אינטערנאציאנאליזם, צו וועלכען די געשיכטע מוז זיך צופאסען.

דער געדאנק פון מענשליכער צוזאמענגעהעריגקייט האט אין די לעצטע צוויי דורות געמאכט גרויסע פארשריטע. דער קאסמאפאליטיזם פון 18־טען יאהרהונדערט איז געווען א שעהנער חלום, דאס וועלט בירגערטהום פון אונזער צייט שטיצט זיך שוין אויף געמיינזאמע אידעען און אינטערעסען, וועלכע די מענשהייט פיהלט גאנץ קלאהר. די בעסטע מענשען פון יעדען פאלק דיענען דיעזע געדאנקען פון מענשליכער צוזאמענגעהעריגקייט. דיעזער געדאנק האט בעשאפען שוין ארגאניזירטע קערפערשאפטען, וואס די בעדייטענדסטע פון זיי איז דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם. מיליאנען סאציאליסטען האבען אויך געגלויבט, דאס דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם וועט פערהיטען דעם וועלט פריעדען און ניט צולאזען קיינע מלחמות. דיעזע געדאנקען איז דערפאר ענטשטאנען, ווייל מען האט נאך אלץ געזעהן פאר זיך דעם אלטען אינטערנאציאנאליזם, וועלכער האט געמאסטען די נאציאנען נאך זייער רעוואלוציאנערער קראפט. ער האט אבער ניט איינגעשעצט די נאציאנען נאך זייער אייגענעם אינווייניגסטען ווערטה אדער נאך זייער אייגענעם רעכט. מען האט זיך אויך גערעכנט נאר מיט דער צוועקמעסיגקייט. פאר אן אינטערנאציאנאליסט פון אלטען שטייגער איז דאס ארויסגעקומען קליינליך, דאס א קליינעס פאלק וויל זיך ניט אויפלעזען אין א גרויסען פאלק מיט א העכערע קולטור, פאר איהם איז דער נאציאנאליזם געווען עטוואס צופעליגעס, אונוועזענטליכעס, פון וואס מען קען זיך אבזאגען, ווען עס איז צוועקמעסיג. די שפראך איז פאר איהם געווען נאר א פערשטענדיגונגס מיטעל, ניט דער אויסדרוק פון א בעזונדערען מענשליכען מהות. ער האט ניט געהאט קיין אינווענדיגע בעציהונג צו נאציאנאליטעט.

דיעזער אלטער אינטערנאציאנאליזם ווערט יעצט פערשטאנען אלס א טעות. אבער ווי יעדע טראדיציאנעלע זאך האט ער נאך א קראפט, א שטערענדע קראפט. דער מאדערנער סאציאליזם איז פערבונדען מיט די אנשויאונגען וועגען נאציאנאליזם פון יענער צייט, בעזונדערס מיט די אנשויאונגען פון קארל מארקס. אבער שוין אין דער צייט פון מארקס האבען נאר די דייטשען געהאלטען זיך אן זייגע מיינונגען וועגען נאציאנאליזם. די ראמאנטישע און סלאווישע נאציאנען האבען קיינמאל ניט געוואלט אפפערן זייער נאציאנאליטעט אויף דעם מזבח פון א בלוטלאזען אינטערנאציאנאליזם. דייטשען און אידען זיינען די גרעסטע חקרנים פון דער וועלט און פיהרען א טעאריע אזוי ווייט, ביז זי צופלייצט זיך פון זיך זעלבסט. אין דייטשלאנד איז דערצו נאך די סאציאל־דעמאקראטיע געשטאנען שטענדיג אין קאמפף מיט אנדערע פארטייען און איהרע געגנער האבען זיך גערופען מיט נאציאנאלע נעמען. דערפאר האט זיך אין דייטשלאנד מעהר איידער אנדערשוואו דערהאלטען דער אלטער בעגריף פון אינטערנאציאנאליזם, אבוואהל דיעזער בעגריף האט שוין באמת פערלארען זיין אינווענדיגען ווערטה. די ווירקליכקייט, דאס לעבען האט שוין לענגסט אוועקגעבלאזען ווי א פעדערל דיעזען אלטען אנטי־נאציאנאלען און נאציאנאלען אינטערנאציאנאליזם".

„די געשיכטע איז די געשיכטע פון לעבען. דאס פאלק איז דער יסוד פון אלע מענשליכע געשעהעניששען. דאס וויכטיגסטען אין דער מענשהייט זייגען די פעלקער, ווארום זיי און נאר זיי בעשאפען געשיכטען. נאר די פעלקער מאכען די מלוכות, נאר זיי ענטוויקלען ציוויליזאציאן און קולטור.

און דא ליעגט דער הויפט פונקט פון דער זאך. געטע האט אמאל גערעדט פון א וועלט־ליטעראטור. ער האט דארונטער ניט געמיינט א געמיינזאמע שפראך, ער האט פערקעהרט אנגעוויזען יעדער נאציאן איהר בעזונדערען פלאטץ אין דער וועלט־ליטעראטור. מיר רעדען פון א וועלט קולטור און וויסען זעהר גענוי, דאס דיעזע קולטור איז די סומע פון איינצעלע־קולטורען, דען עס איז פאראן נאר א נאציאנאלע קולטור. יעדע קונסט האט א נאציאנאלען כאראקטער, און דוקא וואס די קונסט איז העכער, איז איהר נאציאנאלער כאראקטער טיעפער, געטע'ס „פאוסט" איז דער העכסטער און פאלקאמענסטער אויסדרוק פון דייטשען וועזען. די קונסט איז אזוי טיעף נאציאנאל, דאס זעלטען קען איין פאלק פערשטעהן דאס אנדערע פאלשטענדיג. מיר דייטשען בעריהמען זיך, דאס מיר פערשטעהען די נשמה פון יעדען פאלק, אבער דאך האבען אויך מיר דייטשען נאך ניט בעגריפען די קולטורען פון די מזרח פעלקער.

דאס טיעפסטע און העכסטע פון זיין וועזען ברייגגט א פאלק ארויס אין זיין גייסטיגער קולטור. די קונסט איז איהר העכסטער פונקט".

„וואס הייסער מיר ווילען די העכערע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, אלץ העכער מוזען מיר אבשאצען די פעלקער אלס די טרעגער פון א בעזונדערער קולטור־פארמען. אויך דער נאציאנאליזם פון דעם קלענסטען פאלק, וועלכעס שטעהט פירליכט ערשט ביי דעם אנהויב פון דער קולטור, איז בערעכטיגט, הייליג. נאר אין זיין נאציאן קען א מענש בעשאפען גרויסעס. ווען ער ענטזאגט זיך פון איהר, ענטזאגט ער זיך פרייוויליג פון זיין העכסטער ווירדע, אדער ער איז ניט ביים קלארען שכל און אונפעראנטווארטליך. די גרויסע מאסען פון פאלק זעהט אין דער נאציאן נאר דונקעל דעם גרויסען איינהייטליכען ארגאניזם. וואס העכער אבער דער איינצעלנער שטעהט אין זיין בילדונג, אלץ מעהר מוז ער אנערקענען דעם היכען אויביגען ווערטה פון דער נאציאן, אלץ מעהר מוז ער זי ליעבען. מען קען זאגען, ווער עס האט זיך אבגעווענדעט פון זיין נאציאן, איז אדער א פאר'חקרנ'טער מענש אדער א פוסטער קאפ.

„לאמיר אבער זעהן, וואס איז די נאציאן און וואס זי בעדייטעט. זי שטיצט זיך אויף די געמיינזאמע שפראך, די געמיינזאמע געשיכטע, דעם געמיינזאמען שיקזאל. דיעזע דריי צייכען פערבינדען א פאלק און גיבען איהם אויך א געמיינזאמע צוקונפט־אויפגאבע. דערפאר קעמפפען פעלקער, וועלכע האבען א צוקונפטס־אויפגאבע, ניט נאר פאר זייער עקזיסטענץ, נאר אויך פאר זייער בעוועגונגס־פרייהייט. די צוקונפטס־אויפגאבען פון דייטשען פאלק קענען נאר פון דייטשען פאלק געלעזט ווערען".

„וואס מיר אלע האפען און פאר וואס מיר ארבייטען, איז ניט די פערשווינדונג פון נאציאנען, נאר זייער העכערע אויסבילדונג און ענטוויקלונג. און אמת געבילדעטער ווייס ניט פון נאציאנאלען האס. נאר דער מאב האסט פרעמדע פעלקער, אבער יעדער געבילדעטער מענש ווייס, וואס ער האט צו פערדאנקען צו זיין נאציאן, און האט א ווירדיגען שטאלץ, וועלכער איז דאס צייכען פון יעדען פרייען מענש. וואס העכער זיין מיינונג איז פון זיין פאלק, אלץ גרעסערע ציעלען שטעלט ער זיך זעלבסט, ווארום ער וויל ווערטה זיין צו געהערען צו זיין פאלק. אין דיעזען זין דארפען מיר דייטשען האבען נאציאנאל שטאלץ, ווארום אונזער פאלק האט דורך זיין נאציאנאלע אריגינאליטעט מיטגעווירקט ביי דעם אויפבוי פון דער נייער מענשהייט. דיעזער שטאלץ ליעגט אבער אויף אונז ארויף פערפליכטונגען הן בנוגע צו אונז זעלבסט און הן בנוגע צו דער מענשהייט".

אנטקעגען דעם וואס איהר זאגט...

(פעליטאן)

פון י. ראזען.

מיין פעטער האט א טבע, ווען ער טראכט אדער רעדט פון א זאך דערמאהנט איהם די זאך אין א צווייטער זאך. מיין מומע — אויך.

„אז מען רעדט, דעררעדט מען זיך" זאגט זי אייך אן הקדמה'לע פאר א צווייטער מעשה נאכדעם ווי זי האט ערשט געענדיגט אן ערשטע, און זי דערצעהלט זי אייך. דאס הייסט, די מומע דערצעהלט די צווייטע מעשה.

אנדערע דערצעהלען אייך די צווייטע מעשה נאכדעם ווי זיי האבען די ערשטע בלויז געטראכט.

זיי מאכען דאס נאך שעהנער:

„אנטקעגען דעם וואס איהר זאגט" זאגען זיי.

איהר פערשטעהט?

איהר זאגט, ניט זיי.

דאס ערקלעהרט זיך, זאגט איהר, מיט פסיכאלאגיע?

עס קען זיין.

איך וועל אייך אבער זאגען דעם אמת: איך האב א גרויסען פאראורטהייל צום ווארט „פסיכאלאגיע". מען האט עס אריין געשלעפט צו ווייט אין דער יאטקע גאס.

האבען זיך איינעם אויסגעקרומט די שטיוועל, ערקלעהרט ער עס מיט „פסיכאלאגיע", האט ער פערלוירען דעם רעגען שירם — פסיכאלאגיע. א מזל א פנים אזוינס.

א נישקשה'דיג ווארט אפילו, נאר קיין מזל רחמנא יצילנו.

האב איך דארום פיינט ווען מען ערקלעהרט אן ערשיינונג מיט דער יאטקע־גאסאווע־פאנאצעע פסיכאלאגיע.

איך האב איבערהויפט פיינט א פאנאצעע, א רפואה צו אלע צרות.

„אנטקעגען דעם וואס איהר זאגט", איז אן אויסרייד פאר אן אידעע פערבינדונג.

געטראכט האט ער גאר, לאמיר זאגען, וועגען א פאס, נאר אזוי ווי זיין שווינגער, למשל, האט א „שעיפ" מיט א „סייז" פון א פאס, האט ער זיך דארום דערמאהנט אין דער שווינגער, און דער געדאנק האט איהם שוין געפיהרט צו, לאמיר זאגען, באמבעס, דאן האט ער זיך עראינערט אין אויפרייסען, רייסען, שלעפען, פאדערען, מאהנען, כאפט אייך אן, רעגנט א. א. וו. א. א. וו.

ווי איהר זעהט — און אפשר זעהט איהר נאך ניט — פערקריכט דער געדאנק פון א פאס אריבער דער שווינגער מיט באמבעס אויף א גאנץ שטילען און וואוילען לענדלארד מיט רענט.

און דוקא אהן אייער פסיכאלאגיע.

דורך אידעען פערבינדונגען.

היוצא לנו מדברנו? וועל איך אייך לאנג ניט ברייען.

איך לייד אויך דערפון. איך ווייס ניט ווי אזוי, נאר עס טרעפט ביי מיר אז איך פערליר דעם עק.

אנגעהויבען טראכטען האט זיך פון איין זאך און פערקראכען איז דער געדאנק גאר, גאר אויף אן אנדער זאך.

שייך אן אנדער זאך. מן הסתם איז פאראן א קיטעלע וואס פערבינדט זיי, נאר איך קאן עס ניט אנטאפען.

נאר צו וואס רעדען אבסטראקט, גיב איך אייך איין משל — אדער מעהר — און איהר וועט עס ממש אנטאפען בידים:

געטראכט האב איך פון זאנגוויל און טשעסטערטאן.

ביידע ענגלענדער.

אמת, איינער איז א איד און דער צווייטער — ניט; ענגלענדער אבער זיינען זיי ביידע.

זאנגוויל איז א שרייבער, טשעסטערטאן אויך.

ביידע אידעאליסטען. ביידע, ווילען אז מענשען זאלען זיין בעסער.

כדי איהר זאלט קיין טעות ניט האבען, מוז איך אייך זאגען, אז אין ענגלאנד זיינען פאראן דריי טשעסטערטאנס, דאס הייסט, וואס שרייבען און לאזען זיך הערען.

איינער א מאן פון א יאהר 60, א שרייבער, א דענקער און שווימט און גליטשט זיך און האט ליעב היגדם.

פון איהם רעדען מיר דאס מאל ניט.

דאן קומט טשעסטערטאן נומער צוויי א פעהיגער שרייבער, א געוועזענער מיטגליעדער פון דער פאביאן געזעלשאפט, א שטיק סאציאליסט, און, א סברא, איצט א שטיק אנטיסעמיט און האט ליעב א סך רויכען סיגארעטלעך. פון איהם רעדען מיר דאס מאל אויך ניט. מיר רעדען איצט בלויז פון זיין ברודער א מאן פון 41 יאהר, א דענקער, א ידען און א שרייבער. ער איז דאס געווען אויף'ן מיטינג הערענדיג רעדען זאנגווילען. און ווען זאנגוויל האט זיך אויסגעדריקט, אז אידען ווערען איצט אין רוסלאנד צעפאגראמעוועט, האט ער, דער דענקער, פילאזאף לעהרער און שריפטשטעלער זיך צושריען אויפ'ן קול:

„מען וואלט איך — זאנגווילען געדארפט ארויסנעהמען און שיסען"...

איך ווייס ניט, לעזער, ווי אזוי, וואס אין ווען, איך ווייס, אז ווען איך האב דאס געלעזען, האב איך באלד געטראכט פון:

א סטייט אין די פעראייניגטע שטאאטען וואס הייסט דזשארדזשא און פון איינעם וואס האט געהייסען פראנק, און פון איינינגע וואס האבען געהייסען . . . חיות . . . חזרים . . . דברים אחרים . . . און אזוי ווייטער.

מאדנע אידעען פערבינדונגען.

און נאך א משל:

איך לעז אין די צייטונגען ווי א פערצעהן יעהריגע מיידעל, א קינד נאך, איז געגאנגען זוכען ארבייט. האט זי געזוכט און געזוכט, ביז זי איז מיעד געווארען. האט זי גענומען און האט געמאכט אן ענדע פון איהר לעבען.

זיינען מיינע געדאנקען אוועק און געטראכט פון א מאמעניו מיט א וויעגעלע מיט א קליין עופ'עלע. שטארבט די מאמעניו, בלייבט דאס עופ'עלע עלענד.

צרות, עלענד, הונגער און טויט און . . . . . .

א מיטינג פון דער חברה צער בעלי חיים און א גראבער פרעזידענט מיט א גרויסען האמער רופט צו ארדער און אן עדעלע דאמענקע מיט קליינענקע שיכעלעך, מיט א זיס שטימעלע מיט א ווייך הערצעלע, מיט שעהנענקע טרייערלאך ברייגגט א קלאגעלע פאר דעם עדעלען, פיינענקען מיטינגעל און זאגט מיט איהר זאנפט שטימעלע:

עדעלע און פיינענקע מעמבערס!

איך וואלט ניט געוואלט פערלעצען אייערע זאנפטע סענטימענטאליטעטען איך מוז אבער! איך מוז אבער טהון, מיין הייליגסטע פפליכט צו גאט און צו זיינע נאבעלע בעשעפענישען, און צו אייך און צו אונזער געפיהלפאלען צער בעלי חיים פעראיין און אייך דערצעהלען וואס איך האב אליין געזעהן, מיט מיינע אייגענע אויגען.

און די לייד'נקע האט זיך אזוי זאנפט, אזוי מעלאדיש צעוויינט און דער גאנצער פעראיין מיט איהר. הערען גענוי איז שוין אונמעגליך געווען, פערשטאנען אבער האב איך, אז דא האנדעלט זיך וועגען א גרויסער און שרעקליכער עולה, וואס איז בעגאנגען געווארען אונטער דער זון געגען א — קאץ!

א קליין קינד האט נעמליך די בעטרעפענדע קאטץ געבאך א ציה געטהאן ביים עקעלע!

און ווען די דאמע האט ארוים געקלאנגט דאס ווארט „עקעלע", האט א גרויס געוויין אויס געבראכען אין פעראיין און אלע ווי איינער האבען אין כאר זיך צעשריען און צעכליפעט:

ביים עקעלע! ! . . . . . .

אמת, מאדנע?

אט אזוי לייד איך פון מיינע אידעען פערבינדונגען.

קעמפיין אישוס, און ביי-לאוס

פון שמש.

די הידרא ריילוועי ביי־לאו, און איהר בעדייטונג. — די טענות פון ביידע צדדים דאפיר, און געגען. — די באנדס וועלכע די שטאדט דארף געבען און די ריזיקע וואס זי נעהמט. — די נוצען וואס אזא קאר ליניע וועט ברייגגען פאר טאראנטא.

2.

ווי עס איז שוין אנגעמערקט געווארען אינ'ם פריהערדיגען ארטיקעל, האט סער עדעמס בעק פארגעשלאגען א „הידרא ריילוועי", עס זאלען געבויט ווערען טרעקס צווישען טאראנטא און לאנדאן אנטאריא, און אויף די טרעקס זאלען לויפען עלעקטרישע קארס, (מיר אידען וואלטען עס גערופען א קאנטרי קאר) פונקט ווי די אנדערע שטאדטישע קאר ליניעס.

אזא קאר ליניע אויפצובויען דארף קאסטען ניט ווייניגער ווי 13,734,155 דאלאר, און די איניציאטארס, די בויער הייסט עס און די, וועלכע וועלען עס קאנטראלירען, זאל זיין די הידרא עלעקטריק קאמישיאן, די זעלבע קאמישיאן, וועלכע קאנטראלירט די פראווינציעלע ווי אויך די שטאדטישע בעלייכטונג.

וואו וועט די קאמישיאן נעהמען דאס געלד? דאס איז דער הויפט פונקט פון דער ביי־לאו.

31 שטעדט, שטעדטלאך און דערפער ליגען אויף דעם וועג דורך וואנען די קאר וועט דורכגעהן, און פאלגליך דארפען אט די אלע שטעטלאך אויסשטעהן די קאסטען פון דעם.

טאראנטא, וועלכע איז די גרעסטע שטאדט דארף געבען די גרעסטע סומע, נעמליך 4,240,196 דאלאר.

די צווייטע גרעסטע סומע דארף געבען לאנדאן אנטאריא 1,109,303 דאלאר.

און די איבעריגע שטעדט און שטעדטלאך גיבען עהנליכע סומען לויט זייער בעפעלקערונג. קיינע פון די סומען איבערשטייגט אבער ניט א האלבען מיליאן דאלאר.

דאס געלד ווידער דארף ניט געגעבען ווערען אין קעש, נור אין באנדס. די באנדס, וועלכע יעדער שטאדט וועט געבען, וועט דעפאזיטעט ווערען ביי דער קאמישיאן, און די קאמישיאן וועט האבען א רעכט ארויסצוגעבען איהרע אייגענע באנד פאר דער איבערגערמאהנטער סומע, זייענדיג געזיכערט מיט די באנדס פון די פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלאך.

נאכמעהר, עס ווערט פערזיכערט, אז קיין איינע פון די שטעדט, וועלכע גיבען זייערע באנדס צו דער הידרא קאמישיאן, וועלען א סענט נישט דארפען דערלייגען, פערקעהרט, זיי וועלען נאך האבען פראפיטען.

דאס ווערט אויסגערעכענט ווי פאלגט: די הידרא קאמישיאן, וועלכע וועט ארויסגעבען באנדס, און אויפבויען די קארס און די טרעקס, וועט האבען גענוג געלד צו לאזען די קארס לויפען און אזוי ווי דאס איז א גאנץ גוטע ביזנעס, וועט עס אריינברייגגען פראפיטען און פון די פראפיטען וועט די קאמישיאן צאהלען דעם פראצענט פאר די געליהענע געלדער און וועט אויך קענען אפצאהלען דעם קרן. אזוי אז טאראנטא צוזאמען מיט די אנדערע שטעדטלאך, ביז לאנדאן, וועלען האבען אן אייגענע קאר ליניע און קיין געלד וועט זיי ניט קאסטען.

דאס איז אין קורצען די ביי־לאו, וועלכע איז פארגעשלאגען, און איבער וועלכער די טאראנטאר בירגער וועלען דארפען שטימען דעם ערשטען יאנואר, און מיט זייער „וואוט" וועלען זיי דארפען בעשטימען צו די שטאדט זאל שליסען א אגרימענט מיט דער הידרא קאמישיאן, אדער ניט.

עס זענען אבער דא אויך געגנער צו דיעזען פלאן, וועלכע ווייזען, אז דער פארגעשלאגענער פלאן פון א קאר ליניע, איז גאר ניט פון אזא גרויסער וויכטיגקייט פאר דער שטאדט, נור פערקעהרט. די שטאדט האט שוין אויסגעגעבען פיעל געלד, (זיי ווייזען אן אז דער בעריכט פון די איגזשענערען וועגען דעם קאסט 50,000 דאלאר) און דער שטאדט וועט נאך קאסטען, ווייל מען איז נאך ניט זיכער, אז די הידרא קאמישיאן וועט מאכען פראפיטען פון דער ליניע און וועט קענען צאהלען דעם פראצענט פאר די באנדס, שוין אפגערעדט פון דעם קרן, אזוי, אז די שטאדט וועט דערפאר דארפען בעצאהלען מיט איהרע באנדס.

די געגנער פון דעם פלאן ווייזען אויך אן, אז א „רעפיד טראנסיט" איז פיעל וויכטיגער פאר טאראנטא, ווי א פערבינדונג דורך א הידרא קאר מיט לאנדאן אנטאריא.

זיי ווייזען עס אויף מיט דעם, דאס טאראנטא האט אנעקסירט לעצטענס פיעלע פון איהרע פארשטעדט, און פאר די איינוואהנער פון די ווייטע דיסטריקטען איז שווער צו קומען אין צענטער פון שטאדט, ווייל עס איז קיין פערקעהר מיטעל ניטא.

צו בויען קאר טרעקס, ווייל די שטאדט ניט, זי האט אויף 1921־טען, ווען דער פרענטשייז פון דער טאראנטא קאר קאמפאניע וועט זיך ענדיגען, און דאן וועט די שטאדט איבערנעהמען אלע ליניעס.

דערוויל אבער ליידען די איינוואוינער פון די ווייטע דיסטריקטען אין פיער זייטען פון דער שטאדט און די געגנערס טענה איז, אז איידער די שטאדט געהט עטוואס טהאן אויסערען שטאדט, זאל מען פריהער טהאן אין שטאדט.

נאך א טענה פון די געגנער איז, אז די גאנצע פלענער זענען געקומען צו שפעט און דאס די בירגער האבען בעדארפט בעקומען פיעל מעהר צייט צו בעטראכטען עס גרינדליך און ניט אין ווייניגער ווי צוויי וואכען זאל אלעס אבגעשטימט ווערען.

ווען מען זאל וועלען ציהען שליסע פון די טענות פון ביידע צדדים, קען מען זעהען, אז ביידע צדדים זענען גלייך גערעכט, אויב מען זאל עס אויפפאסען פון א שטאדט פערוואלטונגס שטאנדפונקט.

פון דער ערשטער זייט, אויב די הידרא קאמישיאן וועט שליסען אן אגרימענט מיט די דערמאהנטע 31 שטעדט און שטעדטלאך, איז עס א צוזאגענדיגע גוטע זאך.

ערשטענס, וועט טאראנטא האבען א שנעלע און גוטע פערבינדונג מיט 31 שטעדט און שטעדטלאך, וועלכע ליגען גאנץ הארט ארום איהר און דאס אליין געוועהנטליך וועט ברייגגען פיעל ביזנעס צו דער שטאדט אזוי גוט ווי צו די אנדערע שטעדטלאך.

ארבייטער וועלען אויך קענען וואהנען אויסער'ן שטאדט און יענער דירעקציאן פון דער קאר, און אין א קורצער צייט זיין אין שטאדט.

צווייטענס, וועלען די שטעדטלאך צוזאמען מיט טאראנטא האבען אן אייגענע קאר, און אויב פראפיטען קענען געמאכט ווערען, און וועלען געמאכט ווערען, וועט עס אריינקומען אין די שטאדטישע קאססעס.

דער אנדער צד איז אבער אויך גערעכט.

די געפלאנטע קאר ליניע וועט געבויט ווערען בלויז אין דער דרום זייט פון שטאדט, און וואס איז וועגען מזרח,

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

אינזאם

(א בילד פון ארבייטער לעבען.)

פון בעל רקידה.

ווען מאיר א קליין געוואקסענער, פון א יאהר דרייסיג מיט א פאר קינדיש נאאיווע אויגען וואס קוקען אויף אייך אלע מאל אזוי ווי דערשראקען, האט פערמאכט דאס בוך, וואס ער האט נאר וואס געענדיגט לעזען ביז דער לעצטער שורה, האט ער ווידער דערפיהלט פונקט ווי ער וואלט מיט איינמאל געווארען אראבגעשליידערט פון עפעס הייליגע הויכע הימלען אויף דער זינדיגער ערד ארויף מיט איהר וואכענדיג און נישטיגען לעבען. וואס האט פאר איהם ניט מעהר ווי וועהטאג, איינזאמקייט — ניט קיין מענשען, מיט וועלכען ער זאל נאך קאנען ווי געהעריג ס'איז שוך, קליידער, קאכען, אדער וועגען קינד אדורכשטיעסען פון עפעס אנדערש ווי דעם קליינעם זוהנדעל זיינעם: ווי אזוי עס בעוועגט מיט די ליפלאך, פערשטעהט שיין אז מען רופט דודיל, מיינט מען דאס איהם.

יא, דאס קינד האט ער זעהר ליעב, דאס איז דאך די איינציגע טרייסט אין זיין לעבען. אדער שמועסען — דען פון איינס און דער זעלבער זאך מיט דער פרוי; ווי האט ער אין זיינע אלע איינזאמע בחור'שע יאהרען געחלום'ט פון א פריינד, פון א גוטען פריינד וואס ער וועט געפינען אין דער, וואס ער וועט הייראטען; א פריינד וועלכען מען זאל קאנען דערצעהלען די אלע צרות וואס איהם קומען אוים איבערלעבען אין שאפ, און דאן אנהויבען פיהלען בעסער נאך א פאר טרייסט ווערטער נאך א צערטליכע אומארמונג, אבער בעגעגענען איהם, ווען ער קומט פון דער ארבייט א מיעדער, א צובראכענער מיט א פרעהליך פנים, ניט מיט קיין זידעל ווערטער: פארוואס ער פערדיענט אזוי וועניג, פארוואס אנדערע פאמיליעס וואוינען אין שעהנע הייזער, און ניט אזוי ווי זיי אין א קליין דאך שטיבעל.

אט די ווערטער פערביטערען איהם די וואונדען, ווען ער קומט אהיים א מיעדער זוכען רוה צווישען זיינע אייגענע פיער וועגד, צווישען פרוי און קינד.

און ווער שמועסט נאך זונטאג, אין דעם טאג ווען ער האט רוה פון א גאנצע וואך — זונטאג זעהט ער ערשט ווי גוט איהם איז אין שאפ, וואו ער איז פיעל פרייער ווי אין דער הים. קיינער וויינט איהם ניט אן א פולען קאפ, אויסער וואס די ארבייט יאגט — מילא ארבייטען מוז מען דאך און וויפיעל מאל האט ער שוין בעשלאסען צו טהון דאס, וואס זיינע פריינד, פערהייראטע מענער אויך, טהון: מען זיצט ביז אין דער האלבער נאכט אריין ביי א קערטעל און דער ווייב דערצעהלט מען, אז זעהר א וויכטיגער מיטינג איז געווען. לעבען דערוויילע א גוטען טאג, און וואס ווייב, ווען ווייב, זאל זי שפרינגען ביז אונטער'ן הימעל, וועמען געהט דאס אן?

נור ער קאן דאס ניט, פערשטעהט אפילו ניט ווי מענשען קאנען פעהיג זיין אויף אזעלכעס. און אט טאקי דערפאר מאכען זיינע פריינד חוזק פון איהם, רופען איהם לעמעשקע און איז ניט אזוי ווי א מאן דארף זיין. דערפאר זעהט ער דאך אוים אזוי אויסגעטריקענט, אזוי אין דער ערד. נור ער הערט זיי ווי דעם קאטער, געהט זיך זיין אייגענעם וועג און ווייסט אז א פרוי איז אויך א מענש.

באלד נאך דער חתונה אבער האט ער ניט אזוי שווער געפיהלט די לאסט איהר וואו עס איז אוועק געהן פערברענגען ווי היינט: דאמאלס פלעגט ער נאך מיט געהן ביי א פריינד, אדער גאר אין א טהעאטער, און איז געווען צופריעדען מיט זיין לעבען.

א גליקליכער שמייכעל פלעגט זיך אוועקלעגען אויף זיינע ליפען, בעת ער איז אהיים געגאנגען פון א בעזוך ביי א פריינד. אין א טריעבע ווינטער נאכט און געפיהלט נעבען זיך זיין פרוי וואס טוליעט זיך אין זיין ארעם אריין און קוקט אויף איהם מיט אזויפיעל ליעבשאפט. אבער ווען ער פלעגט זיצען אין זיין קליינער, דערפאר ליכטיגען שטיבעל, און די פרוי האט געהאלטען איהר קאפ אנגעשפארט אויף זיין ברוסט, און איינהערען זיך אויפמערקזאם. ווי איהם האט זיך דאן אויסגעוויזען, אין אלעס וואס ער לעזט איהר פאר א בוך, אדער פון א צייטונג. ווען ניט פלעגט ער גאר רעדען צו איהר פון זיין פערגאנגענהייט וואס איז פול געווען מיט אזוי פיעל צרות און ווידערשפרוכען אויף טריט און שריט, בעת ער פלעגט א טראכט טהון וועגען דער מענשהייט, אויב זי וועט אמאל עררייכען דאס, צו וועלכען זי שטרעבט שוין אזוי לאנג און האט שוין אזוי פיעל קרבנות געבראכט אויפ'ן מזבח פונ'ם בלאסען קאמפף. און דאמאלס פלעגען קומען מאדנע פראגען וואס האבען איהם געמאטערט און אויף וועלכען ער האט זיך קיין אנטווארט ניט געקאנט געבען, ווען ניט קאן מען ערווארטען: דאס וואס ווערט ניט איז ער געקומען צום שלום, אז גארגעבויט ווערט צוריק פון די אייגענע הענד צושטערט. און אזוי אייביג און אייביג וועט דאס שוין בלייבען.

און בעת ער פלעגט אזוי רעדען, האט ער גענומען פיהלען טרויעריג אויפ'ן הארצען, און שטיל געבליבען, ביז זי האט איהם איהרע הענד אויסגעצויגען. זיין האלז ארומנעמען, געקושט איהם און געלאכט:

— געה שוין נארעלע, פון וואס דו קאנסט אלץ טראכטען! איך בין אויך אמאל אזוי געווען, און היינט לאך איך שוין פון אלץ.

פון איין זייט האט דאס איהם וועה געטהון וואס זי קאן אזוי גלייכגילטיג רעדען איבער זאכען, וואס האבען שוין אזוי פיעל לעבענס געקאסט, און אבלאכען ממש פון אלץ: פון דער צווייטער זייט איז ער אבער צופריעדען געווען פון איהרע צערטליכקייטען, און דאס האט איהם ניט געמאכט.

דאס אלעס, ווי עס זאל ניט זיין געווען, איז אבער שוין לאנג פערשוואונדען. זי איז שוין גארניט די אייגענע וואס אמאל: א פשוטע פרוי איז זיא געווארען ווי אלע, א פרוי פון דיא, פאר וועלכע ער האט זיך אלעמאל אזוי געשראקען, ווען ער פלעגט אזעלכע בעגעגענען ביי זיינעם א פריינד; א פרוי וואס האט נור איהר ענג וועלטעל פון קאכען, שיך און קליידער, און זעהן וואס ביי יענעם טהוט זיך, און וועלען דאס וואס יענער האט.

און אט טאקע דערפאר האט ער אזוי לאנג געווארט און ניט חתונה געהאט ממש זיך געשראקען ווי פאר דעם טויט.

און געווארען איז זיין פרוי אזוי גוט ווי אלע אנדערע פון זינט זי האט איהם געבוירען דעם זוהן. און אט פון דאמאלס אן, האט זי זיך אנגעהויבען אריינציהען אין איהר אייגען וועלטעל אריין. ניט געוואלט מעהר הערען, ווען ער פלעגט רעדען צוא איהר, געוואלט זיך אמאל ארורף שמועסען מיט איהר. און ניט קוקען פלעגט זי שוין אויף איהם ווי אמאל, מיט דאנקבארקייט און ליעבע, נור בייז זענען אלעמאל איהרע בליקען געווען, און דאס מויל גרייט צום שילטען, זידלען, אדער גאר וויינען, פארוואס זי האט אזא פינסטער מזל ביי איהם און מוז לעבען מיט א אויסגערעכענטען גראשען ניט ווי ביי לייטען.

א פעשעהמטער פלעגט ער דאן די אויגען אראבלאזען. ער האט זיך קיין פעסעמיסטיש און אינזאם האט ער זיך ארט ניט געפונען, און פינסטערע געדאנקען האבען איהם אין קאפ געדרעהט. געפיהלט, געוואלט זיך פאר א מענשען אויסוויינען, דערצעהלען אלע צרות זיינע. נור קיינעם האט ער ניט געהאט נעבען זיך, אויסער די בייזע בליקען פון זיין פרוי און האט ער זיך געשאפען מוטה, אריבער געשריען איהרע קולות, געקלאפט מיט דער האנד אויפ'ן טיש, אז ער קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען, אז ער וועט זי מוזען פערלאזען און געהן וואו די פיס וועלען איהם טראגען — איז זי אויפ'ן בעט געפאלען און זיך צעוויינט. מיט א פערביטערט הארץ איז ער דאן צו איהר צו, געזעצט זיך נעבען איהר, גענומען זי בערוהיגען:

— נו, שוויג שוין. פארוואס פערביטערסטע מיין לעבען? טהו איך דען ניט אלעס וואס איך קאן, וואס נאך ווילסטו פון מיר האבען?

און דאמאלס פלעגט ער נור איין מינוט פיהלען בעסער, ביז זי האט איהם אנגעהויבען אויף דאס ניי מאטער'ן, פאר וואס אנדערע האבען אלעס און זי גארניט; אפילו קיין וועגעלע ניט פאר'ן קינד.

— זעה נאר — האט די פרוי איהם ווי פלוצים אויפגעוועקט — ווי ער האט זיך דאס פערטראכט! דאס קינד רייסט זיך און רייסט זיך און איהם געהט דאס גארניט אן, ווי עס וואלט ניט געווען זיינס. גיב נור א קוק, אפשר האט עס זיך איינגעריכט..

שטיל איז זי געבליבען זיצען און ווייטער גענעהט דאס קליידעל פאר'ן קינד. און א צופריעדענער שמייכעל האט זיך פון איהרע ליפען אויף איהר שמאלציגען גוידער אראפגעגאסען.

ווי אפער'משפט'ער האט זיך מאיר אויפגעשטעלט, דאס קינד פונ'ם וויעגעל אויף די הענד ארויסגענומען און אנגעהויבען שפאנען איבער'ן שטיבעל. און געפיהלט האט ער ווי אויפ'ן הארצען וואלט איהם מאדנע שווער געווארען, און ווי טרעהרען וואלטען איהם שטיקען אין האלז

נוצט
מילנ'ס קוילען
די קוואליטעט דאפין וועט אייך געלד שפארען
אפפיס: 88 קינג איסט
טעלעפאן: מיין 5597
פריוואט בראנטש עקסטשיינדזש

לעזט דיזען לייבעל
HEALTHFUL BISCUIT, CAKE, ETC.
DIRECTIONS
THIS BAKING POWDER IS COMPOSED OF THE FOLLOWING INGREDIENTS AND NONE OTHER: PHOSPHATE, BI-CARBONATE OF SODA AND STARCH.
MANUFACTURED BY E.W.GILLETT COMPANY LIMITED TORONTO, ONT.
CONTAINS NO ALUM
MAKES THE WHITEST, LIGHTEST
MAGIC BAKING POWDER
CONTAINS NO ALUM
לעזט דיזען לייבעל

אויף דעם טויט פון אונזער עלטער באבע

(מין נעקראלאג)

זי איז געשטארבען אין משולח'ס יאהרען, אין עלטער פון 284 יאהר . . . ס'קען זיין אז טאקע דערפאר, וואס זי איז געווען אזא אויסגעדארטע, אויסגעקווארטע אלטיטשקע, האט זיך איבער איהר טויט קיינער ניט מיצער געווען און האט קיינעם ניט דערמאהנט, אז מען דארף איהר ברענגען בלומען אויפ'ן קבר . .

געבארען איז זי געווארען אין פאריז. אבער איהר נאמען האט זי אויסגעשריעבען פון ווענעדיג. איצט טראגען דעם נאמען אלע איהרע קינדער, וואס זיינען צוזעעט און צושפרייט אויף אלע אינזלען און קאנטינענטען אויף דער גאנצער ערד. דאמאלס אבער איז זי געווען די ערשטע פארשטעהערין פון שעהנעם געשלעכט . . . זי האט געהייסען ,,גאזעטא'', לויט דעם נאמען פון א ווענעציאנער קליינע מטבעה, ווי א פעני להבדיל, פאר וועלכער יעדער בשר ודם האט איהר געקענט קויפען. שפעטער האט זי איהר נאמען פערלענגערט און האט זיך אנגעהויבען רופען ,,גאזעטא דע פראנס'' — די גאזעטע פון פראנקרייך. דאס איז זי געווען די עלטער־עלטער־באבע פון דעם צייטונג - געשלעכט.

אט דיעזע באבע פון די גאזעטען, וואס ווערען איצט געדרוקט אין אלע לשונות, איז געבוירען געווארען דעם 30טען מאי, 1631, מיט דער הילף פון קייזערליכען דאקטאר רענאדא. אין דעם ערשטען עדיטאריעל האט דער אריגינעלער אקושער אנגעצייכענט די מניעות, וואס שטעהען לייזער אין וועג פון א זשורנאליסט, נאך אין היינטיגע צייטען.

,,די מורא פאר די מענשען פון זייער דור'', האט ער געשריעבען, האט ניט איין היסטאריקער געשטערט אין דער ריכטיגער בעלייכטונג פון זייער צייט. היינט, נעהמט און שטעלט זיך פאר רבותי, ווי שווער ס'איז פארצושטעלען די געשיכטע פון וואך און פון דעם זעלבען טאג, אין וועלכען איהר לעבט . . .

דיעזער דאקטאר איז בעזעסען א בעוועגליכע נאטור און א קוואל פון ענערגיע. אין צו אלץ האט ער זיך גענומען. אלס א רופא האט ער גוט געזעהען די שרעקליכע רחקות און נויט פון דאמאלסדיגען המון און כדי איהם צו העלפען האט ער געגרינדעט א ניין סומך נופלים. דערנאך האט ער געגרינדעט א ביורא פון ,,אדרעסען און בעגעגנישען'', א מין בירזשע פון ארבייט, וואס איז אייגענטליך געווען אן אנפאנג פון אדווערטייזמענט־ביזנעס. ענדליך איז איהם געקומען א געדאנק, וועגען א צייטונג, א בלעטעל, וואו ער זאל קענען דערצעהלען מעשות, אנעקדאטען און פאקטען. אבער פריהער פלעגט ער זיי איינער אליין שרייבען אויף זיינע רעצעפטען און פאנאדערגעבען זיינע חולאים. ערשט שפעטער האט ער זיי אנגעהויבען צו דרוקען.

אזוי איז מיט 284 יאהר צוריק געבארען געווארען די ,,גאזעט''. דער אלמעכטיגער קארדינאל רישעליע, וואס איז געווען דער הויפט־מיניסטער פון פראנקרייך אין דער צייט פון לואי דעם 12־טען, האט אונטערגעשטיצט דעם דאקטאר־זשורנאליסט מיט זיין גאנצער געוואלדיגער מאכט. אלס א גרויסער שטאאטסמאן, וואס האט איינגעפיהרט אין פראנקרייך א שטריינג צענטראליסטישע סיסטעם פון רעגירונג און צוגעבראכען די מאכט פון די גרויסע אדעליגע, האט ער גלייך פאראויסגעזעהען די גרויסע בעדייטונג וואס קען האבען דיעזער נייער פאקטאר פון געדרוקטען ווארט. און דארום האט ער שטארק פראטעזשירט די צייטונג און זאגאר געגעבען דעם דאקטאר ריינאדא א מאנאפאל אויף אלע צייטען און דורות ארויסצוגעבען א צייטונג.

די ,,גאזעט'' פלעגט ענטהאלטען אויף די ערשטע פיער קליינע בלעטלעך די כראניק פון פאריזער טאג און אויף די איבריגע פיער ידיעות פון צפון, דרום, מזרח און מערב . . . צווישען די מיטארבייטער איז געווען רישעליע אליין, דער קעניג לואי דער 12־טער און שפעטער דער קארדינאל מאזאריני, וועלכער האט פערנומען רישעליעס פלאטץ אין דער רעגירונג.

נאך דעם טויט פון לואי דעם 12־טען, ווען די מאכט איבער פראנקרייך האט אריינגעכאפט אננא פון עסטרייך, איז די צייטונג שיעור ניט געשטארבען, מחמת דער פערשטארבענער קעניג פלעגט איהר, זיין פרוי, ניט איין מאל אויסלאכען אין זיינע וויציגע ארטיקלען . . אבער ניט אזוי גרינג איז געווען בייצוקומען דעם ערשטען זשורנאליסט. ער האט זיך ניט געלאזען און גע'טענה'ט, אז ער האט א מאנאפאל אויף אייביג . . . דערצו האט מאזאריני ארויסגעריסען די מאכט פון אננא די עסטרייכער . . . אויף אזא אופן איז די ,,גאזעט'' ארויס פון סכנה און געבליבען לעבען.

ווען אויפ'ן קעניגליכען טראהן איז ארויף דער גרויסער קעניג פון פראנקרייך, לואי דער 14־טער, פאר וועלכען ס'האט געציטערט גאנץ אייראפא, האט מען אויך געגעבען דער ,,גאזעטא'' פיהלען די מאכט פון זיין ממשלה און פערשלאסען די גאנצע רעדאקציע אין דער באסטיל . . .

די עפאכע פון די ענציקלאפעדיסטען און פון דער רעוואלוציאן האט אבער בעפרייט די ארעסטירטע קעמפפערין. אבער פון דאן אן איז שוין די ,,גאזעט'' ניט געווען אליין אויפ'ן פעלד. ס'האבען זיך בעוויזען לעגיאנען פון צייטונגען אין אלע שטעדט, אין אלע לענדער, אויף אלע דיאלעקטען, . . און פון דעם קעניגליכען רופא'ס שפיעלכעל האט ארויסגעשפראצט א מאכט, וואס קעניגט איבער קעניגע און פיהרט די געזעלשאפטליכע מיינונג.

נאכהער איז דער נאמען גופא, ,,די גאזעט'', ארוים פון דער מאדע און פערביטען געווארען מיט'ן נאמען ,,זשורנאל'', ,,צייטונג'', ,,בלעטעל'', וכדומה. אבער די אלטע, אויסגעדארטע, צוקארטשעטע אלטעטשקע האט זיך מיט איהרע ציטערדיגע בלוטלאזע הענד פעסט געהאלטען פאר איהר אלטען ווענעציאנער נאמען ביז ס'איז ניט אנגעקומען די גרויסע אייראפעער קאטאסטראפע, וועלכע האט איהר ארייננענומען אין דעם גרויזאמען תהום פון איהרע סקעלעטען נאך א צוויי הונדערט פיער און אכטציג־יעהריגען קאמפף פאר איהר לעבען.

לעאן סאוויזש.

גליק און אונגליק

דיא סאלדאטען וואס זיינען געבליעבען נאר מיט די לינקע הענד אליין ווערען געלערענט מיט זיי צו טהון ווי מיט די רעכטע.

א פאטער פלעגט אפט אויפמערקזאם מאכען זיין זוהן ער זאל זיך אויסלערנען רעכטע, ווייל א מענש איז ניט זיכער פון איין אונגליק און עס קען זיך מאכען ער זאל פערלירען זיין רעכטע האנד. — איינמאהל טרעפט דער פאטער דעם זוהן שניידענדיג די נעגעל. זאגט ער צו איהם:

— לערען זיך שניידען די נעגעל מיט אמאהל פערלירען די רעכטע.

נעגעל שניידען איז די איינציגע ארבייט וואס ווערט פערקלענערט אויף העלפט, ווען א מענש פערלירט א האנד, און דער פארזיכטיגער פאטער האט עס דער לינקער האנד, ווארים א מענש קען פערגעסען אבער אויסער דעם מוז דער מענש מיט איין האנד טהון אלע ארבייט וואס דער מענש מיט ביידע הענד און עס איז אלזא טאקע גאנץ ראטהזאם פיר אלעמען זיך אויסצולערנען צו בענוצען ביידע הענד גלייך

דיינקער פון די אלטע צייטען האבען שוין לאנג אויפמערקזאם געמאכט דערויף. אויך ביי אידען האט ר' יצחק בער לעווינזאן פערפאסט א שעהנעם אפיעל אין העברעאיש פון דער לינקער האנד, וועלכע קלאגט זיך פארוואס מען פערנאכלעסיגט איהר און מען לערנט איהר גאר ניט און זי בעט אז מען זאל איהר לערנען צו קענען טהאן אלעס אזוי ווי איהר שוועסטער די רעכטע האנד. דיעזער אפיעל געפינט זיך אין ילקוט ריב''ל.

און נון, צו יעדער זאך איז פאראן א צייט. די געגענווערטיגע מלחמה האט שוין פראדוצירט איין אונגעהייערע גרויסע ארמעע פון קריפעלס, און מאסען פון זיי זיינען געבליעבען נאר מיט זייערע לינקע הענד־אליין די רעכטע זיינען ענטוועדער אפגעריסען, אפגעשאסען אדער אפגעשניטען, אדער אזוי פערוואונדערט אז עס איז אונמעגליך מיט איהר צו בענוצען.

דיעזע גרויסע ארמעע לינק־הענדיגע טראגט דעם וואס זי איז צוזייעט און צושפרייט אויף פיעלע לענדער, איז אבער שוין אזוי גרויס אומעדום אז די פראגע איז געווארען א טאגעס פראגע, אזוי גוט ווי אלע אנדערע טעגליכע פראגען, מען לערנט נעמליך די קריפעלס זיך צו בענוצען מיט דער לינקער האנד, ווי זיי פלעגען זיך פריהער בענוצען מיט דער רעכטער.

דייטשלאנד וועלכע איז אין פיעלע געגענשטענדע ווייטער פארט געשריטען אלס די אנדערע אייראפעאישע לענדער, האט צו דיעזען צוועק איינגעפיהרט א ספעציעלע סקול, אזוי שנעל ווי די מלחמה האט אויסגעבראכען. די סקוהל מאכט גרויסע פארשריטע, ווי מען קען פערשטעהן פון דעם פאקט דאס די תלמידים זיינען געצוואונגען צו לערנען מיט חשק און זיי וואלטען וועלען קענען דעם ,,קונץ,' נאך פריהער אלס די טיטשערס וואלטען עס וועלען. — דער ערפאלג איז אזוי גרויס אז איצט רעדט מען שוין אין ענגלאנד אויך איינצופיהרען אזעלכע סקוהלס.

און נאך אלעמען איז די זאך בכלל גאר ניט אזא שווערע. טייפרייטערס, וויאלאניסטען און פיאניסטען. נישט ריידענדיג פון פרייז־טייטערס, זיי געברויכען די לינקע האנד ביי זייער ארבייט, אזוי ווי די רעכטע אפילו מענער וואס שייווען זיך מיט א געוועהנליכען רייזאר געברויכען אויך די לינקע האנד. מען דארף געדיינקען אז צו שייווען זיך אליין מיט א געוועהנליכען רייזאר איז א גאנץ דעליקאטענע ארבייט.

אין ענגלאנד זיינען אויך פאראן סקוהלס וואו מען לערנט ,,אמבידענקסטעריטי'' — די קונסט צו קענען געברויכען ביידע הענד. און עס האט זיך ארוים געוויזען אז ווען מען לערנט עס פון קינדווייז אז איז עס גאר ניט אזוי שווער. אין איינע אזא, האי סקוהל פיר מיידלאך איז א גאנץ געוועהנליכע זאך צו טרעפען די קינדער מאהלען אויף דער שווארצער ברעט מיט ביידע הענד אינאיינעם.

געוועהנליך קומט דאס ביי בילדער ארוים ווי צווילינגס. אבער די וואס קענען שוין בעסער די קונסט שטעהען מיט צוויי קריידלעך אין ביידע הענד און מאהלען צוויי פערשיעדענע בילדער — איינע מיט דער רעכטער האנד און די אנדערע מיט דער לינקער האנד אין דערזעלבער צייט.

אזוי שטעהט אין א צייטונג, אבער פונדעסטוועגען רעכען איך אז ווער עס וועט דיעזעס ניט גלויבען וועט אויך נישט דארפען אנגערופען ווערען ,,אפיקורות''. ווארים צו טהון צוויי פערשיעדענע ארבייט אין איין און דערזעלבער צייט, מיט ביידע הענד, איז נישט געווענדעט אין די הענד אליין, בעזונדערס צו מאהלען. דערצו דארף מען אויך אנשטרענגען די אויגען און הויפטזעכליך דעם געדאנק, דער געדאנק קען זיך בשום אופן ניט צוטיילען אויף צוויי טהייל אין איין און דעמזעלבען מאמענט. מוז מען זאגען אז איין האנד מוז אלעמאהל ווארטען אויף דער אנדערער, גראדע ווי איין פוס ווארט אויף דער אנדערער אין א שפאציער.

עס זיינען פאראן א סך ארטיסטען, מאהלערס איבערהויפט, וועלכע זיינען ,,אמבידענקסטראל'', דאס הייסט זיי קענען טהון מיט ביידע הענד גענעראל סער באדען־פאול קען אויך מאהלען מיט ביידע הענד. אבער ער איז א גענעראל און די קונסט פון מאהלען איז ביי איהם ניט די הויפט ארבייט, נאר א לוקסוס, און אזוי איז עס כמעט ביי אלע וואס לערנען אין די סקוהלס פון ענגלאנד צו טהון מיט ביידע הענד דאס גלייכסטע האט געטהון דייטשלאנד זי נעהמט די פערקריפעלטע סאלדאטען גלייך פון דער מלחמה און לערנט זיי אוים צו בענוצען מיט דער לינקער האנד אזוי גוט ווי זיי האבען זיך פריהער בענוצט מיט דער רעכטער, און יעצט פערלאנגט מען עס שוין אין ענגלאנד אויך

לאמיר האפען אז מען וועט דיעזע אונגליקליכע שוין מעהר ניט, נעהמען צוריק אין שלאכטפעלד נאכדעם ווי זיי וועלען שוין קענען טהון מיט דער לינקער האנד

אלפינזא.

City Dairy

האט איהר שוין אייער ארדער פיר מילך און קריעם צו אונז געגעבען?

און ווען ניט— ווינשען מיר אייער ארדער צו קריגען

מיר דעליווערען מילך איבער דער גאנצער שטאדט.

די קוואליטעט פון דער מילך און קריעם איז אויסגעצייכענט. — איהר מוזט עס געברויכען!

טעלעפאנירט קאלעדזש
2024

21 פיינט טיקעטס $1.00
—פיר—

City Dairy

אייער וואוט און איינפלוס איז העפליך פערלאנגט צו ריי־עלעקטען

דזשאן האוסטאן

אלס מעמבער פיר דער

באארד אף עדיוקיישאן

עלעקשאן, שבת דעם 1טען יאנואר, 1916

אידען פון וואַרד 5 אויפמערקזאם

אייער וואוט און פערזענליכע סופּפּארט איז העפליך פערלאנגט צו העלפען עלעקטען

דזש. אלבערט

טהאמפסאן

אלס אלדערמאן אין וואַרד 5 פיר 1916

א ביזנעס אדמיניסטראציאן ביי אן עקספּיריענסד ביזנעסמאן

פערגעסט ניט אייער באלאט צו מארקען פאר א פעהיגען פארטרעטער

פיר אינפארמיישאן טעלעפאנירט קאל. 9

קעמפיין אישוס און ביי־לאָוס

(פאָרטזעצונג פון פיידזש 4)

מערב און צפון, וואו דער פערקעהר צו די שטאדט גרענעצען זענען אזוי שלעכט?

שוין ניט ריידענדיג וועגען אויסערען שטאדט, און אויך ניט דערמאהנענדיג די אנדערע טענות זייערע, וועגען דאס געלד און קורצער צייט, וועלכע זענען גאנץ גערעכטע.

אמת איז, אז די טענות פון די געגנער ווערען פערגעטפערט דערמיט, אז די שטאדט קען זיך ניט פערנעהמען מיט ,,רעפיד טראנזיט'' אזוי לאנג ווי די הויפט שטאדטישע קאר ליניעס ליגען אין די הענד פון א פריוואטער קאמפאניע, איז דאך אבער וויעדער דערפון ניט געדרונגען, אז די שטאדט האט ניט געטארט גרינדען א ''מאטאר באס'', וועלכער וואלט גוט געווען אין אלע צייטען, זאגאר ווען די שטאדט וואלט אין 1921 איבערגענומען די שטאדטישע קאר ליניעס.

אזא פראגע איז ווירקליך פארגעקומען אין סיטי קאנסיל מיט א צייט צוריק און איז פערווארפען געווארען

אבער ווי געזאגט, קוקענדיג אויף דעם פלאן פון א שטאדט פערוואלטונג שטאנדפונקט, איז עס א גאנץ גוטע זאך. און אלע בירגער דארפען שטימען דערפאר.

קיין געלד וועט די שטאדט דערביי ניט פערלירען, מען קען אזוי דענקען, נעהמענדיג א ביישפיעל פון דער היידרא עלעקטריק, וועלכע איז אויך קאנטראלירט פון דער שטאדט, און די שטאדט האט צו דעם קיין געלד ניט צוגעלעגט. פערקעהרט, עס זענען נאך דא פראפיטען. פאלגליך איז צו האפען, אז פון דער היידרא קאר ליניע וועלען אויך זיין פראפיטען.

וועגען די אנדערע ביי־לאָוס אין א צווייטען ארטיקעל.

איבער קענעדער שטעדטלאך

האמילטאן אנטאריא.

האמילטאן קען פערעכענט ווערען צווישען די גרויסע אידישע שטעדט אין קאנאדע, מיט שוהלען און טעמפלען, רבנים און ראבינער, שוחטים און חזנים, תלמוד־תורה'ס און חדרים.

דעם ערשטען און בעסטען פלאטץ פערנעהמט נאטירליך די בית יעקב שוהל, וואו מען דאווענט און מען לעהרנט, מארגענס און אבענדס, שבת און א גאנצע וואך.

רעוו. שמואל קאנטאר, בעריהמט אלס מטיב נגן און נעים זמירות ישראל, איז דער חזן און ציהט ווירקליך צום שוהל און תפלה בצבור מענער און פרויען, יונג און אלט, מיט זיין זיסע שטימע און אידישען חזנות.

דער היברו אינסטיטוט, אונטער די לייטונג פון די הערן בערקאוויץ און קויפמאן, פרעזידענט און סעקרעטער פון אינסטיטוציאנען, טהוט זעהר פיעל צו פערשפרייטען אידענטום, אידישע היסטאריע און די העברעאישע שפראך צווישען דער יוגענד.

דער שרייבער פון דיעזע צייליען האט אבגעהאלטען פארטהענע אין בית יעקב שוהל און היברו אינסטיטוט אין אידיש און ענגליש, שבת פ. ויגש און זונטאג ויחי.

בראנטפארד, אנטאריא.

די אידישע געמיינדע פון בראנטפארד, וועלכע צעהלט בלויז 30 פאמיליעס, קען דיענען אלס מוסטער פאר אידען און אר־

דזשקייט אין גרויסע און קליינע שטעדט פון אמעריקא און קאנאדע.

דורך דער מיה און טהעטיגקייט פון מר. פיליפ שעאר, עקס פרעזידענט פון קאנגרעגיישאן אגודת ישראל, מר. מרדכי הארריס, פרעזידענט פון די געמיינדע, און רעוו. שאול זאב גרינגארטען, ש''ץ ושו''ב, איז געלונגען צו קויפען א שעהנע און פרעכטיגע הויז אויף פאלאס סט. וועלכע זיי האבען פערוואנדעלט אין א שוהל, צום דאווענען בצבור, שבת און ימים טובים, און וואו די שטאדטישע קינדער, אינגלאך און מיידלאך ווערען אונטערריכטעט אין רעליגיאן אידישע היסטאריע און העברעאיש, נאך די נייעסטע מעטאדען, ביי רעוו. גרינגארטען, יעדען אבענד, שבת און זונטאג.

צום רעליעף פאנד פון די מלחמה קרבנות האבען זיי שוין אוועקגעשיקט פינף הונדערט דאלאר. יעצט קליבען זיי יעדע וואך פון יעדען איינעם צווישען 50 סענט און 2 דאלאר פאר'ן רעליעף אונטער די אויפזיכט פון מר. הערדי מאריסאן, א וויכטיגער ארבייטער אין אידישע אינטערעסען און רעליגיעזע אויפגאבען.

נחמן העללער

פערשאפט א לאנגער אטהעם שמערצען?

געפעהרליכע קראנקהייטען פאנגען זיך אימער אן אזוי?

די שנעלסטע רפואה איז נערוועלין. אך, דער שטאך אין זייט איז גלייך ווי א שטאך פון א הייסען מעסער אין די ריפען!

פיליכט זיך איבערהיצט — זיך צו שנעל אבגעקיהלט, דאס איז אן אנקלייבונג פון בלוט אויף איין פלאץ, א שטייפקייט, פון אזא קראנקהייט קען מען ניט ציהען קיין לאנגען אטהעם.

דאס איז דער אנפאנג פון ענטצינדונג.

ענטצינדונג איז א צו סעריאזע קראנקהייט מען זאל עם פערנאכלעסיגען.

שנעלע הילף וועט קומען דורך א גוטער איינרייבונג מיט נערוועלין, דיעזער זיכערער אלטער שמערצען בעפרייער וועט אייך העלפען שנעל, — וועט אוועקנעהמען די ענטצינדונג — עס וועט אייך טהון גוט, פונקט ווי עס האט געטהאן צו מר. סעמיועל סאנט דזשאנס פון סטעמפארד, וועלכער זאגט:

''לעצטע וואך לויפענדיג כאפען א טריין האב איך זיך איבערהיצט, איך האב געעפענט א פענסטער אין טריין אום זיך אביסעל אבקיהלען, און ווייניגער ווי א שטונדע האב איך דערפיהלט א שטארקע שטעכענים אין מיין זייט, איך האב זיכער געדעכט אז איך האב פנעמאניא, איך פיהר אימער אין מיין וואליס נערוועלין, און איך האב דריי מאהל איינגעריבען דערמיט מיין זייט, דער וואונדער עפעקט האט זיך שנעל געלאזט פיהלען, איך האב בעקומען א שנעלע הילף.

איך בין איבערצייגט אז נערוועלין האט מיך גערעטעט פון א סעריאזער קראנקהייט.

יעדער סארט פערקיהלונג קען שנעל געבראכען ווערען מיט נערוועלין, וועלכע איז א שנעלע הילפע פאר ענטצינדונג אין האלז, אין ברוסט, צו העלפען שטעכענים אין זייט, א וועהטאג אין די ענדען, נערווען שמערצען, און אנפאל פון רומאטיזם, קיין זאך ניט אזוי גוט.

די 50 סענטיגע פאמיליען סייז איז עקאנאמיש.

קליינער טרייעל סייז 25 סענט ביי דילערס איבעראל.

ה. יאַנאָווער
טעלעפאָן מיין 6886

א. ראָזענפעלד
טעלעפאָן קאָלעדזש 5089

זייגען די

טאָראָנטאָ קאָהל קאָמפּאַני

—91 עגנעס סטריט — — פאָן אָפּיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור

ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאָם קוילען אדער האָלץ, ווערט דעליווערט מיט ראָדזשערס טיקעטס,—פיר קוואַליטעט און וואָג גאַראַנטירט.

נעהמט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אָווערקאָוטס ביי

ליובינסקי די ספּעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאָטלענדער וואָלען מיללס.

פאַר וואָס ניט איהר ? אונזער נאָמען איז א גאראַנטי פאר קוואַליטעט און ראַיעלע בעהאַנדלונג.

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

גדליה מיטץ'ס
יוניאָן באַרבער שאָפּ איז יעצט נעמופט אין
96 עגנעס סטר'ט

און איז דער איינציגער פּלאַטץ אין טאָראָנטאָ וואו יעדער אָהנע אויסנאַהם קריגט די בעסטע און רייניסטע בעהאַנדלונג, מיין נאָמען איז די בעסטע גאַראַנטי פּאַטראָנייזט דעם וועלכער איז ווערטה פּאַטראָנייזט צו ווערען.

פערגעסט ניט מיין נייעם אדרעס : 96 עגנעס סטריט

G. Mitz Practical Barber

פּעדלערס און סטאָר קיפּערס

די בעסטע סגולה אַנצוהאַלטען קאַסטומערס און צו מאַכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאָוטס, פענסי גודס, דזשועלערי און נאָוועלטיס ביי קאַפּלאַן און קאָ.

האָלסייל און דזשאָבער 229 קווין סטריט וועסט טאָראָנטאָ, דער בעוואוסטער האָלסייל פּלאַץ וואו פיעל פּעדלער זיינען בערייכט געוואָרען. דזשאָבלאָטס זיינען שטענדיג דאָ. אָרדערס פּינקטליך אטענדעט.

קאַפּלאַן און קאָ. דזשאָבער 229 קווין סטריט וועסט, טאָראָנטאָ אָנט. טעלעפאָן אדעלייד 3772.

שפּאָרט א 40% פון אייער קוילען ביל!

דייזי אש סיפטער

דאָס ווזט ווי דער סיפטער איז אָפּען. ער פערמאַכט זיך אַזוי אז ער מאַכט ניט אָן קיין שמוץ ווען אין געברויך

צוויי גרויסע : $1.00 און $1.50

פּאַטענטירט דזשון דעם 27־טען 1913

צו בעקומען אין אַללע האַרדוואַר סטאָרס.

אַז האָט איהר אן אש סיפטער (א קאָסט וואָס זיפּט דורך די אש וועלבער וועט זיכער פערקלענערן א יעדע קוילען בילס, וועלכעס איז איצט זעהר וויכטיג. עס איז געמאַכט שטאַרק פון בעסטען מאַטעריאל און איז אויסגעצייכענט מיט'ן סטייל און עס אַרבייט גוט. א לייכטער שאָקעל און די אש ווערט אָבגעטהיילט פון די ניט פערברענטע קוילען און מען מוז ניט בויגען דעם רוקען דאָס צו טהאָן. קיינע אנשטרענגונגען.

מאַנופאַקטשורד בלויז ביי

סאַרען בראָס.. 549 קינג סט. וו.. טאָראָנטאָ

ד. ווהייטסמאַן

מיוזיקאַל דירעקטאָר
89 אַרטהור סטריט
טעלעפאָן קאָללעדזש 1834

לעסאָנס ווערען געגעבען אויף וויאָלין, וויאָלאַ, פלייט, קלאַרינעט, קאָרנעט, א. ז. וו.

יוניאָן מיוזיק פאַר בעללער, קאָנצערטען, חתונות און איבערהויפּט פאַר שמחות.

צופריעדענהייט גאַראַנטירט

בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיקער

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאָראָנטאָ



גוטעס פאַר אידען !
איין אידישע סטאָר פאַר אידען

מיר מאַכען אַלערליי דזשועלערי גלייך אויף'ן פּלאַץ. חתונה רינגען געמאַכט ווייל איהר וואַרט. מיר פיקסען אַלערליי דזשועלרי פאַר דעם בילינגסטען פּרייז.

14 קערעט חתונה ריגנען 80 סענט א פּעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פּעני־וועיט.

וואָטשעס געפּלינט גוט און גאַראַנטירט, 40 סענט. מיין ספּרינגס 40 סענט, הייר־ספּרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, קעיסעס 50 ס מיר מאַכען אייערע אַלטע דזשועלערי ווי נייע פאַר א קליינעם פּרייז. אַלערליי ברילען ריכטיג געפּאַסט צו אייערע אויגען 98 סענט מיר גיבען אייך ראַיעלע סחורה פאַר דעם בילינגסטען פּרייז.

ברויט ביליגער

ווי איהר ווייסט האָט זיך דאָ געגרינדעט א בעקער טראַסט, וועלכער רייסט די הויט פון דעם אָרימען קלאַס רעכענענדיג זעקס סענט פאַר א ברויט, דאָס איז געטהאָן געוואָרען מיט דער צושטימונג פון אַלע בעקער.

איך, אַלטער מאַנדעל, פון דער וועסט ענד בעקערי האָב ראָן צו זיי ניט געוואָלט צושטעהן, נור זיי האָבען מיך גענומען איינרייידען אז אויב איך וועל פערקויפען ברויט ביליגער וועל איך דערמיט רואינירען פיעלע אַרבייטער וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין די בעקער שעפּער.

זיי האָבען עס ערקלעהרט דערמיט, וואָס מעהל איז טהייער און מען קען קיין ברויט בילינער ניט פערקויפען, זיי האָבען מיר אָבער פערשפּראָכען אז אַזוי שנעל ווי מעהל וועט ווערען ביליגער וועלען זיי צוריק פערקויפען ברויט אויף'ן געוועזענעם פּרייז 4 און 5 סענט א ברויט.

יעצט אָבער איז שוין מעהל ביליגער און זיי האַלטען נאָך אַלץ אָן דעם הויכען פּרייז פון 6 סענט א ברויט.

איך האָב פון זיי געפאָדערט זיי זאָלען אַרונטערלאָזען די פּרייזען אָבער זיי ווילען ניט.

איך קען עס שוין אָבער מעהר ניט פערליידען און בין אַרויסגעטראָטען פון דעם בעקער טראַסט און וועל פערקויפען ברויט אויף'ן נאָר אַלטען פּרייז, נעמליך

4 סענט א ברויט
צו גראָסערי לייט און
5 סענט צו פּרייוועט

איהר קענט עס בעקומען ביי אַלע מיינע דרייווערס צו יעדער צייט. איך נעהם זיך אונטער צו סופּליען אַלע אידען מיט ברויט אַלערליי.

וועסט ענד בעקערי 231 מאַראַי סט. טאָראָנטאָ

לאָזט אונז וויסען און אונזער דרייווערווט קומען צו אייך.

רינגט דזשאַנקשאַן 5120 און אונזער דרייווער וועט זאָפאָרט אייך דעליווערען.

די איבריגע בעקערס וועלכע פיהלען אז זייער טראַסט ווערט געבראָכען האָבען זיי אויסגעפאַנגען צו פערקויפען ברויט אויף 5 סענט, איך וואָרען אייך איהר זאָלט אין אַכט נעהמען די געוויכט פון ברויט וואָס זיי פערקויפען.

◆ ◆ ◆

—LYRIC THEATRE—

פרייטאָג אבענד 24־טען דעצעמבער
צום ערשטען מאָהל אין טאָראָנטאָ

דיא צוויי יתומים

איבערזעצט פון יעקב גאָרדין

שבת מאַטינעע אום 2,30 נאָכמיטאָג

יום החופּה

קאָמעדיע דראַממע פון יוסף לאַטיינער מיט ביליגע פּרייזען 30 סענט 20 סענט און 10 סענט

שבת אבענד דעם 25־טען דעצעמבער

צום ערשטען מאָהל אין טאָראָנטאָ יעקב גאָרדינס גרויסע ווערק, וועלכע איז קיין מאָהל געזעהען געוואָרען פון טאָראָנטאָר פּובליקום.

דער עץ הדעת

דראַמע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין

זונטאַג אבענד איין גרויסער קאָנצערט

פון דער גאַנצער ליריק טהעאַטער קאָמפּאַניע

◆ ◆ ◆

מערי פּיקפאָרד טהעאַטער

די היים פון די אמת'ע פּיקטשורס, קאָרנער ספּאַדינא און קווין,

פרייטאָג און שבת דעצעמבער 24 און 25

די מאָני מאַסטער

5 טהיילען

אן ארבייט און קאַפּיטאַל

פאָרשטעלונג וואָס דאַרף אינטערעסירען אונזערע פיעלע אידישע פּאַטראָנייזער ווייל עס ווייזט ווי די קאַפּיטאַליסטען האָבען בעהאַנדעלט די אידישע בעקערס אין דער בעוואוסטער איסט סייד, דער גהעטא דיסטריקט פון ניו יאָרק.

פיעלע אַנדערע דראַמעס און קאָמעדיעס אויף דעם זעלבען גרויסען ביל.

אונזער יוניאָן אָרקעסטער ווי שטענדיג.

א הערצליכען דאנק

דורך אונזער פערטרעטער מר. לוי בעצקי איז געזאַמעלט געוואָרען די סומע פון 2 דאָלאַר אויף א ברית ביי מר ראָסמאַן פון 162 גרענדזש עווענױ און אויך איז געזאַמעלט געוואָרען ביי א ברית ביי מר מאַרשאַק פון 34 קאַרלייל סטריט 2 דאָלאַר.

די אָפּיסערס פון דער תלמוד תורה ווינשען זיי דאָס זיי זאָלען האָדעווען זייערע קינדער אין נחת און אין פריערען. דאָס דער מזל טוב זאָל ניט אַרויסגעהן פון זייערע הייזער, אימער זאָל זיין אין זייערע הייזער מזל גליק און שמחה

ל. לעווינסקי, פּרעזידענט.

4719—23—12

א וועלט מנהג

אַזוי האָבען מיר נעכטען געשריבען : "א וועלט מנהג".

מיר האָבען געמיינט צו זאָגען אז מאָסקען בעללער איז א שעהנער און קלוגער מנהג, און אז מענשען האָבען אויסגעטראַכט דיעזען מנהג כדי צו פערברענגען גליקליכע שטונדען, און אז פרייטאָג וועט דער טאָראָנטאָר עולם האָבען דאָס גליק, קאָן מען זאָגען, צו זיין אויף'ן אמת'ן מאַסקען באַלל, מיט די ריכטיגע מאַסקען, מיט דער גוטער מוזיק, מיט'ן אמת'ן פערגעניגען אויף'ן מאַסקען באַלל פון אַרבייטער רינג; איז געקומען דער בחור הזעצער, און האָט געמאַכט פון "א וועלט מנהג", דער גוטער יאָהר ווייס איהם וואָס.

אוי, דער בחור הזעצער !

א טרית פאַר טאָראָנ־טאָר אידען

ניט אַלע מאָהל מאַכט זיך אַזאַ געלעגענהייט

חזן ל. קאָהען
(פון מילוואָקי וויסקאָנסין)

א גראַדואירטער פון ניו יאָרקער קאָנסערוואַטאָריום וועט פרייטאָג אבענד צו קבלת שבת און שבת פריה דעם 24־טען און 25־טען דעצעמ. דאַווענען אין די גואל צדק שוהל יוניווערזיטי עווענױ.

חזן קאָהען בעזיצט א הימעל־רייכע שטימע און זיין דאַווענען פערשאַפט אן אמת'ן אידישען נחת רוח

א גרויסער עולם ווערט ערוואַרטעט אין שוהל.

איינטריט פריי, קיינע טיקעטס.

א וויכטיגע פראַגע

דיעזע וואָך וועט זיין די שווערסטע פיר אידישע געשעפטס לייטע מאַנופאַקטשורערס און אַרבייטער.

פיעלע הונדערטער דאָלאַרס וועלען מוזען געספּענדעט ווערען אויף קריסטמעס פּרעזענטען.

איך זאָג מוזען, דערפאַר ווייל מיר לעבען און טהוען געשעפט מיט קריסטען אָדער אַרבייטען צווישען זיי, און עס איז גאַנץ נאַטירליך דאָס מיר זיינען מאָראַליש געצוואונגען נאָכקומען זייערע פיהרונגען מיט עס זיין אויס ביזנעס פּרינציפּען אָדער אומשטענדען.

וועלען די אידישע קויפער נעהמען אין אָנבעטראַכט דאָס זיי וועלען פיעל שפּאָרען ווען זיי וועלען קויפען ביי די אידישע געשעפטסלייטע, דאָס זיי צאָהלען פיעל מעהר אין די גרויסע יאָנג סט. געשעפטען און עס איז ניט מעהר ווי רעכט, דאָס זיי זאָלען פּאַטראָנייזען די אידישע געשעפטסלייט אין די פערשיעדענע פאַכען און צווייגען.

מיר ווילען בעקאַנטמאַכען דעם אידישען פּובליקום, דאָס מיר האָבען א געוואַלדיגען אויסוואַהל פון פּייפּס און סיגאַרס אין באָקסעס פון 10, פינף און צוואַנציג און פופציג.

פערשיעדענע פּרייזען, אָבער זיכער ביליגער ווי אין די "טראַסטס" סיגאַר סטאָרס און זאָ ווייטער.

די הונדערטער אידען וועלכע האָבען געקויפט ביי די דוואָרקין בראָדערס דיא לעצטע עטליכע יאָהר האָבען זיך איבערצייגט אין אונזער אָרענטליכע בעהאַנדלונג, יעצט זאָלען אַלע אַנדערע עס טריען און קויפט אייערע פּרעזענטען אין אַלע דוואָרקינס סטאָרס, סיי אין עליזאַבעט, סיי אין קווין סטריט און סיי אין סאַנט פּאַטריק, איבעראַל די זעלבע פּרייזען, נור דער גרעסטער אויסוואַהל געפינט זיך עבסטפערשטענדליך אין אונזער עליזאַבעט סטריט סטאָר, וואו איהר קענט זעהען פּערזענליך איינעם פון די דוואָרקין בראָדערס, און איהר קענט בעקומען וואָס איהר ווילט צו מעסיגע פּרייזען מיט דער עכטער צופריעדענהייט, און אַנדערע פּרעזענטען וועלכע זיינען איצט אין דער סיגאַר ליין וואָלטען מיר אויך געראַטהען צו קויפען אין די אידישע געשעפטען וועלכע פיהלען זיך בערעכטיגט צו אייער שטיצונג, מיר וועלען שיקען אייערע בעשטעלונגען איבער גאַנץ שטאָדט פריי אויף אונזער רעכענונג, און פערגעסט ניט אַמאָהל צו קויפען ביי די דוואָרקין בראָדערס אייערע סיגאַרס, פּייפּס און אַ ווייטער, און גיט ווענען דעם איבער אייערע פריינדע.

אמעריקאַנער איד אַרעסטירט אלס שפּיאָן

בערלין, —

סיגריד פּאָול לאַנדאָן, א נאַטוראַליזירטער אמעריקאַנער, איז איינגעשפּאַרט אין א פּריזאָן אין וואַרשא און וואַרט אויף זיין פּראָצעס. ער ווערט אָנגעקלאָגט פון די דייטשען אז ער האָט געהאַנדעלט אין וואַרשא אלס רוסישער שפּיאָן. די אונטערזוכונג ווענען זיין קיים איז נאָך ניט פערטיג, און דער אמעריקאַנער קאָנסול האָט נאָך ניט די פולע קלאַגע וואָס ווערט געגען איהם געמאַכט.

לאַנדאָן איז געווען אין וואַרשא בעקאַנט אלס קאָמישיאָנער און פיהרער פון אמעריקאַנער טוריסטען. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז ער געווען א קאָרעספּאָנדענט פאַר ענגלישע און אמעריקאַנער צייטונגען. די דייטשע רעגירונג זאָגט אז זי האָט בעוויזע אז ער איז בעצאָהלט פון רוסלאַנד איהר צוצושטעלען אויסקינפטע ווענען די דייטשע מיליטער אין וואַרשא. דעם אמעריקאַנער קאָנסול אין וואַרשא איז פערשפּראָכען געוואָרען אז ער וועט האָבען יעדע געלעגענהייט צו פערטהיידיגען לאַנדאָן אויף זיין פּראָצעס.

די געטליכע סאַראַה אין א שטערבענדען צושטאַנד

פּאַריז דעצעמבער 22

עס איז דאָ דערהאַלטען געוואָרען א בעריכט אז סאַראַה בערנאַרד, איז אין א שטערבענדען צושטאַנד.

דער בעריכט איז אָבער פון ערגעץ ניט בעשטעטיגט געוואָרען.

דיימאַנדס
$1 $2 $3 וועכענטליך

איהר האָט יעצט די געלעגענהייט צו האָבען דעם פיינסטען דיימאַנד אדער אַנדערע דזשועלערי דורך דאָס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאָב בראָדערס. דיימאַנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אַלע מאָל טייערער און עס איז אַן אייביגקייט.

מיר געטרויען יעדען ערליכען מענשען זאָ דאָס איהר האָט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאַנדס מיט דיא לייכטעסטע אָבצאָהלונגען.

ספּעציעל דיסקאַונט 10 פּראָצענט פאַר קעש.

דזשייקאָב בראָדערס 15 יאָנג סט. אַרקייד.

שייערס דראַג סטאָר
139 אָווגוסטאַ עווענױ
קאָר. סיינט פּעטריק סטריט

אָפּערט אמת'ע באַרגיינס — נייע סחורה.

19 הייסע וואַסער פלעשער, קאָמבינאַציאָן פאַונטיין סירינדזשעס, הייס וואַסער באָטל פון 69 סענט ביז $1,79. מאַנכע גאַראַנטירטע צוויי יאָהר קאָמבינאַציאָנס פון 96 סענט און העכער ביז $2,20 מאַנכע גאַראַנטירטע צוויי יאָהר ספּרעי סירינדזשעס, אַטאָמייזערס, ברעסט פּאַמפּס, קינדער סירינדזשעס.

ווען איהר קויפט טוואַס ביטע דערמאָהנט דעם אידישען זשורנאַל.

אונזער אַסטהמאַ רפואה איז גאַראַנטירט. און אויב אז עס העלפט אייך ניט געבען מיר אייער געלד צוריק.

פּרעסקריפּשאַנס זיינען אונזער ספּעציאַליטעט.

טעלעפאָן קאָלעדזש 208.

בעסטע דראַגס און מעסיגע פּרייזען.

נאַכט בעלל.

◆ ◆ ◆

ענגלישע פּריסטער ווערען געפאָדערט זיך מקריב צו זיין פאַר פּאַטריאָטיזם

(פאָרזעצונג פון פּיידזש 2)

זיין הילפלאָזע קאַליקעס זייער גאַנצען לעבען.

עס ווערט דערצעהלט, ווי אין ענגלישער גלח, רעווערענד הויסטאָן, אַפּעלירט צו אַלע ענגלישע אונפערהייראַטהע מיידלאַך, אז זיי זאָלען זיך אנשליסען אין דער "ליגע פאַר מעריאינג די בראַקען היראָוס". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אז ער זוכט צו פעראייניגען ענגלישע מיידלאַך זיי זאָלען זיך פערפּפליכטען צו הייראַטהען מיט די פערקריפּעלטע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען זעהר הילפלאָז און וועלכע נויטיגען זיך אין א געזונטער פרוי, וואָס זאָל זיי קענען ערנעהרען, בעדיענען, און אַזוי ווייטער.

דער גלח בעהויפּטעט, אז זיין ליגע איז זעהר ערפאָלגריך, ווייל איהם איז שוין געלונגען צו פערהייראַטהען פיעלע טויזענדער יונגע מיידלאַך מיט אַזעלכע אונגליקליכע קאַליקעס, און ער בעווייזט, אז טויזענדער פרויען האָבען שוין אונטערשריבען אַפּליקיישאַנס און וואַרטען פאַר זייער נעקסט אום צו קענען הייראַטהען מיט די קריפּעלס.

אָבער זיי טהוען עס ניט דערפאַר, ווייל זיי זוכען א מאַן, און ניט קענענדיג קריגען א שעהנעם, געזונטען מאַן, פּאַסען זיי זיך אויף קריפּעלס, נאָר ווייל זיי ווילען מיט עפּעס דיענען זייער פאָטערלאַנד. ניט קענענדיג געהן אין מלחמה, — בעהויפּטעט דער גלח, — זיינען די פרויען צופריעדען צו אָפּפערען זייער אייגען לעבען, אבי צו פערלייכטערן די ליידען פון די אונגליקליכע.

די אַלטע צייטען, מיט די באַרבאַרישע שלאַכטען קעהרען זיך צוריק און ברענגען מיט זיך אויך י אָפּפער, וואָס פרויען האָבען געבראַכט, אום צו ראַטעווען זייער פאָלק.

רוסישע פּאָליציי ווערט בעסער צו אידען

לאָנדאָן, —

דיא אידישע הילפס קאָמיטע אין מאָסקוואַ האָט ערהאַלטען א בעריכט, אז אין דיא גרויסע שטעדט אויסער דער "טשערטאַ" האָט דיא פּאָליציי אָנגעפאַנגען בעהאַנדלען גוט דיא אַנגעקומענע אידישע פליכטלינגע.

דיא רוסישע רעגיערונג האָט ערלויבט צו בענוצען דיא עפענטליכע געביידען אין דעם ראַיאָן פון קיעוו אלס שוץ־פלעצער פיר פליכטלינגע.

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** **YONGE NEAR KING** **CONTINUOUS 10 AM. TO 11 PM. MATS 5¢ 10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢**

מאָנטאַג דינסטאַג און מיטוואָך

דאַראָטהי דאָנעללי די ערשטע מאַדאַם עקס וועט שפּיעלען הענרי בערנשטיינס דער גנב

דאָס זעלבע געשפּיעלט אין ניו יאָרק אין ליצעאום טהעאַטער.

מעזאַנין סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאָן מיין 8345

HIPPODROMME
City Hall Square

אונאונטערבראָכענע פאָרשטעלונג

די וואָך פון מאָנטאַג דעצעמבער 20

דזשינג לינג הי טרופּע
כינעזישע אונטערהאַלטער

מאַסטער ווייזנהיל און דזשעננינגס
קאָמידיענס וואָס זינגען

דזשעראַלד און וואַהייט
מוזיק געזאַנג און טאַנץ

לאָוף און פראַנציס
א קאָמעדיע אין איין אַקט די וואַרד הילער

ריאַרדאָן און דיי
א נייעס און בייסיקל לייך

מיי דזשין
א זינגענדע קאָמידיענס

ליאָנס און קיים
אירישע קאָמיקס

די לעצטע וואָך פון גייל אָן די נייוו
די סענזאַציאָנעלע פּאָטאָ פּליי

מאַטינעע טעגליך 10 און 15 סענט.
אבענד פּרייזען 10, 15 און 25 סענט.

דער אַלט בעקאַנטער טיטשער
מאָריס גראַפּשטיין

איז יעצט אין דעם שעהנעם, אנגענעהמען און ליכטיגען בראָדוויי האָל 450 ספּאַדינא עוו. (אַרום קאָלעדזש)

לעסאָנס ווערען געגעבען מאָנטאַג, דינסטאַג און דאָנערשטאַג פון 8 אבענדס ביז 10,30 פון אַאויסגעצייכנעטען טיטשער לעהרער און בעסטען יוניאָן אָרקעסטער.

אַלע זענען ווילקאָמען !

פּרייז וואָליז, און פּריוואַטע לעסאָנס ווערען געגעבען אונטער מיין איינענער אויפזיכט.

מאָריס גראַפּשטיין, פּראָפּרייטאָר.
טעלעפאָן קאָלעדזש 17

אן אויפרוף
צו אַלע אָפּטער מענער און פרויען

עס איז ניטאָ איין אָפּטער אין טאָראָנטאָ וואָס האָט דאַרט ניט געלאָזען א פאָטער, א מוטער, א ברודער, א שוועסטער און אַזוי ווייטער. קורץ אייגען בלוט און פלייש וואָס ליידט דאָרט ניט קיין הונגער קעלט און נויט. מען מוז זיי העלפען. מיר דאַרפען אנדערש ניט !

מיר האָבען צוליעב דיעזען צוועק אַראַנזשירט א מלוה מלכה אויף קומענדען שבת אבענד, דעם 25־טען דעצעמבער אין אָגוסטער עווענױ אין אונזער שוהל נומער 43. עס וועט זיין א שעהנער אבענד, א סעודה מיט מוזיק און דורך דער שמחה וועלען מיר דערפרעהען די הערצער פון אונזערע ליעבע וואָס מוטשען זיך דאָרט מיט'ן טויט און וואַרטען אויף אונזער הילף.

האָט גאָט אין האַרצען! קומט נעהמען אן אנטהייל אין דיעזער שמחה.

און ניט דווקא לאַנדסלייט נאָר אפילו ניט קיין לאַנדסלייט וועלען אויך זיין ליעבע געסט. מיר בעטען אַלע : קומט צו אונז !

4885—12—2

די טאָראָנטאָ עלעקטריק סופּליי קאָ.

מאַכט אַלערליי עלעקטרישע אַרבייט, צו פאַר די טאָראָנטאָ עלעקטריק צו פאַר די הײדראָ עלעקטריק און רעפּערינג צו די ביליגסטע פּרייזען.

טעלעפאָנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער אדעלייד 3527 אָדער אדעלייד 2223.

אַדרעס 95 קווין סט. וועסט אָדער 509 קווין סטריט וועסט.

אויך פערקויפען מיר אַלערליי עלעקטרישע פיקטשורס און סופּלייס און לעמפּלאַך צו די ביליגסטע פּרייזען. האַנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופריעדען.

אַלע אַרבייט איז גאַראַנטירט ביי די קאָמפּאַניע.

THE TORONTO
ELECTRIC SUPPLY CO.
95 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 509 Queen St. W.
Phone Adel. 2223

אַרדערס לייטס—סיטי דזשיטני מיקר
קאָלעדזש 2040—21 פּיינטס $1